STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03316

GEKLIBENE SHRIFTEN

Herbert Spencer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערבערט ספּענסער.

געקליבענע שריפטען

איבער די לעהרע פון דער מענשליכער געזעללשאַפטס אָרדנונג.

לאנדאן 1908

די לאנדאן היברו פּאבלישינג קאמפּאני.
מאזין עט קאָ. לימיטעד,
141 וויטשעפּעל רויד.

THE LONDON HEBREW PUBLISHING COMPANY,
MAZIN & CO., Ltd,
141, Whitechapel Road, London, E.

אינהאלט פערצייכנים:

ראָמאַנען און ראָמאַניסטען	זייטע 3
דיא ענטוויקלונג פֿון דעם ראָמאַן	" 8
אַללערליי ראָמאַנען	" 12
דער רעאַליסטישער ראָמאַן	" 18
טאַנצען און טענצער	" 24
וואָס איז פּאָעזיע ?	" 29
פֿון וואַנען האָבען זיך גענומען פּאָעטען ?	" 33
פֿון וואַנען האָבען זיך גענומען מוזיקאַנטען ?	
וואָס איז מוזיק ?	" 39
פֿון וואַנען האָבען זיך גענומען היסטאָריקער ?	" 49
פֿון וואַנען האָבען זיך גענומען ביאָגראַפֿען ?	" 55
שלאָף און חלומות	" 61
מעטאַפֿיזיקע, וויסענשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע.	" 84
אַרכיטעקטור	" 96
סקולפּטור	" 102

.. ראמאנען און ראמאניסטען ..

(נאָך הערבערט ספענסער).

I.

לאָמיר זיך אַריבערטראָגען, לעזער, פאַר עטליכע צעהנדליגע טויזענד יאָהר צוריק. מיר זיינען אין אַ געדיכטען וואַלד, וועלבער ציהט זיך אויף טויזענדער מיילען אַרום און אַרום. עס איז אַ פינסטערע נאַכט. אין מיטען וואַלד ברענט אַ גרויסער פייער פון טרוקענע צווייגען און בלעטער. אַרום דעם פייער זיטצען אויסגעזעצט עטליכע דוצען ווילדע חברה לייט אין די איינפאַכסטע קאָסטיומען. דאָס זיינען אַלע מאַנספערזאָנען. מען קען דאָס זעהן אָן זייערע ענטשלאָסענע, קריגערישע געזיכטער. זיי רויכערן אַלע ליולקעס און אַלע שווייגען. נור איינער פון זיי רעדט. דאָס איז אַנ'אַלטער מאַן, זיינע האָר זיינען וויים ווי דער שניי, אָבער זיינע אויגען ברענען נאָך מיט דעם פייער פון דער יוגענד. זיין געזיכט איז באַדעקט מיט שראַמען פון אַלטע וואונדען. ער רעדט, און אַלע הערען זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

פון וואָס רעדט ער? וואָס דערציילט זיינע צוהערער דער אַלטער קריגער? ער רעדט פון זיין יוגענד; ער דערצעהלט פון די גאָר אַלטע צייטען, פון די פערשטאָרבענע העלדען פון זיין פאָלק, פון זיינע בעריהמטע קעניגע און קריעגספיהרער און פון זייערע גלענצענדע טהאַטען. ער איז דער היסטאָריקער פון זיין פאָלק. ער ווייסט זיין געשיכטע אויסענווייניג. ער האָט זי געהערט דערציילען, ווען ער איז נאָך געוועזען אַזוי יונג, ווי די, וואָס זיטצען יעצט אַרום איהם,

און ער האָט זי קיין מאָל ניט פאַרגעסען, ווייל זי האָט דאַ־מאָלס געמאַכט אויף איהם אַ טיעפען איינדרוק, אַזוי, ווי זיין ערצעהלונג מאַכט יעצט אויף זיינע צוהערער. ער דערצעהלט יעצט דאָס וואָס ער האָט אַ מאָל געהערט פון אַזעלכע אַלטע קריגער, ווי ער אַליין איז יעצט, און זעצט צו דאָס וואָס ער האָט אַליין געזעהן פון יענער צייט אָן. די וואָס הערען איהם יעצט אויס, וועלען דאָסזעלבע דערצעהלען זייערע קינדער און אייניקלעך, ווען זיי וועלען אַלט ווערען און וועלען צוזעצען דערצו דאָס, וואָס זיי וועלען אַליין זעהן אין זייער לעבען. און אַזוי געהט ניט פערלאָרען קיין גרויסער פאַקט און קיין גרויסער נאָמען פון דער געשיכטע פון דיזען פאָלק. זיין געשיכטע ווערט ניט אויפגעשריבען אויף פאַפּיער, ווייל קיינער פון זיי קען ניט שרייבען. זי ווערט אויסגעקריצט אין די געדעכענים פון זיינע קינדער; זי גיסט זיך אויס פון די מיילער פון זיינע עלטסטע. דאָס איז די געשיכטע אין איהר קינדהייט און דאָס זיינען די ערשטע היסטאָריקער. מיט דער צייט וועט מען אויסגעפינען די קונסט פון שריי־בען, דאַן וועט אַ טאַלענטפאָלער פאַטריאָט אויפשרייבען אויף דעם פאַפּיער די וואונדערבאַרע געשיכטע פון זיין פאָלק, וועלכע ער האָט געהערט פון דעם מויל פון זיין בעיאַהרטען פאָטער אָדער פון דעם עלטסטען פון זיין דאָרף.

הערט זיך צו צו דער ערצעהלונג פון דעם אַלטען מאַן. אַלעס אין זיין ערצעהלונג דרייט זיך אַרום די נעמען פון עטליכע בעריהמטע העלדען, גרויסע קעניגע און קריעגספיה־רער, אַלעס וואָס איז געשעהן מיט דעם פאָלק, דורך זיי. די זיעגע פון דעם פאָלק זיינען געווען זייערע זיעגע; זיין ניי־

דערפֿאַל איז געווען זייער נידערפֿאַל. אין זייער לעבען שפּי־געלט זיך אָפּ דאָס לעבען פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק. זייער געשיכטע איז די געשיכטע פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק. דאָס איז ניט קיין געשיכטע, — עס איז ניט מעהר, ווי אַ סעריע ביאָגראַפֿיען פֿון די גרעסטע מענער פֿון דעם פֿאָלק. אַזוי איז געווען די געשיכטע אין איהר קינדהייט; זי איז בעשטאַנען בלויז פֿון ביאָגראַפֿיען; זי איז אַרויסגעקומען פֿון ביאָגראַפֿיען. און דאַרום איז זי טאַקי געווען אַזוי אינטערעסאַנט פֿאַר די אַמאָליגע מענשען. זי האָט גערעדט נור פֿון לעבעדיגע מענשען און פֿון זאַכען, וועלכע אַ יונגער מענש האָט געקענט אַזוי גוט פֿאַרשטיין, ווי אַן'אַלטער, אַ דומער אַזוי גוט, ווי אַ קלוגער. זי איז ניט געווען אַזוי טרוקען, ווי די היינטיגע גע־שיכטע; זי האָט ניט געזוכט צו ערקלעהרען די אורזאַכע פֿון יעדען פֿאַקט, זי האָט זיך אינטערעסירט בלויז מיט פֿאַקטען. זי האָט ניט געזוכט קיין אומשטענדען הינטער יעדער פּער־זאָן; זי האָט געזעהן נור פּערזאָנען. זי איז געווען פֿול מיט לעבען. זי האָט זיך געהערט, ווי אַ גוטע מעשה, ווי עס הערט זיך יעצט אַ גוטער ראָמאַן.

און אַזאַ מין געשיכטע איז געווען דאָס איינציגע, וואָס די אַמאָליגע מענשען האָבען געקענט הערען אָדער דערצעהלען. פֿון קיין מעשיות, פֿאַבעלן און ראָמאַנען האָט מען נאָך דאַן ניט געוואוסט. מען האָט דערצעהלט נור דאָס, וואָס איז אַ מאָל געשעהן, אָדער ריכטיגער וואָס מען האָט געגלויבט, אַז עס איז אַ מאָל געשעהן. און מען האָט געהערט נור דאָס וואָס איז אַ מאָהל געשעהן אָדער וואָס מען האָט געגלויבט אַז עס איז אַ מאָהל געשעהן. דער ווילדער מענש האָט געגלויבט

אין יעדען ווארט, וואס ער האט דערצעהלט אדער וואס ער האט געהערט, אזוי ווי א קינד גלויבט אין יעדעס ווארט פון דער מעשה, וואס זיין מוטער דערצעהלט איהם. פון אויסגעטראכטע מעשיות האט מען אין אנפאנג גאר ניט געוואוסט. אויסגעטראכטע מעשיות זיינען געקומען פיעל שפעטער. זיי זיינען ערשיענען פאלגענדער וויזע:

ווען א ווילדער פלעגט איבערדערצעהלען אויף דער עלטער זיינע קינדער און אייניקלעך די געשיכטע פון זיין פאלק אדער ריכטיגער, די ביאגראפיען פון די גרויסע מענער פון זיין פאלק, וועלכע ער האט געהערט מיט פופציג אדער זעכציג יאהר צוריק פון זיין זיידען, איז געווען גאנץ נאטירליך, דאס ער פלעגט זיי אביסעל פארענדערען. א ביסעל פלעגט ער פערגעסען און א ביסעל פלעגט ער ניט וויסענדיג אליין דערפון, צוליגען. ווען ער פלעגט בעזיצען א רייכע פאנטאזיע, פלעגט ער אריינברייגגען אין זיין ערצעהלונג א זעלכע זאכען, וועלכע ער האט גאר ניט געהערט, אבער וועלכע פלעגען זיך זעהר פאסען און פלעגען נאך מאכען די געשיכטע אינטערעסאנטער. און אזוי, ווי די צוהערער זיינען דאמאלס ניט געווען קיין גרויסע קריטיקער און פלעגען פאדערען פון א געשיכטע אז זי זאל זיין ניט אזוי וואהר, ווי אינטערעסאנט און וואונדערבאר, פלעגען אזעלכע פאנטאסטישע היסטאריקער ניט נאר ניט קריגען דעם פסק פאר זייערע ערפינדונגען, נאר מען פלעגט זיי נאך לויבען דערפאר. אין אנפאנג פלעגען די ערצעהלער ניט וויסענדיג אליין דערפון פערענדערען די ביאגראפיען פון די פאלקס העלדען; מיט דער צייט האבען זיי עס אומיסטנע אנגעהויבען צו טהון,

אום צו געפֿעלען דעם פּובליקום. און דאָס פּובליקום האָט גאָר ניט געהאַט געגען דעם אפילו, ווען ער האָט געוואוסט דערפֿון, מען האָט ליעב געקראָגען אינטערעסאַנטע געשיכ־טען און קיינער האָט זיך ניט געקימערט, צו זיי זיינען געווען אמת׳ע אָדער צו זיי זיינען געווען מעהר אָדער וויניגער אויסגעטראכט די היסטאָרישע ביאָגראַפֿיען זיינען אויף דיזער וויזע בּיסלעכווייז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אויסגעטראַכטע מעשיות, וועלכע זיינען געווען געגרינדעט אויף היסטאָרישע פֿאַקטען. דאָס זיינען געווען די ערשטע היסטאָרישע ראָמאַנען.

און מיט דער צייט איז מען געגאַנגען נאָך ווייטער. אַנשטאָט צו נעהמען היסטאָרישע פּערזאָנען און אויסצוטראַכ־טען איבער זיי פֿערשיעדענע מעשיות, האָט מען אָנגעהויבען די פּערזאָנען אַליין אויך אויסצוטראַכטען מאַלענטפֿאָלע ער־צעהלער האָבען אָנגעהויבען מכבד צו זיין זייערע צוהערער מיט אַזעלכע מעשיות, וועלכע זיינען געווען פֿון דער אָנהויב ביז דעם סוף אויסגעטראַכט, אין וועלכע עס איז ניט געווען קיין ברעקעל געשיכטע. און דאָס פּובליקום האָט זיי אויס־געהערט נאָך מיט מעהר פֿערגניגען, ווי די געשיכטע, ווייל זיי זיינען געווען מעהר וואונדערבאַר, און יעדעס מאָל האָט מען געקענט הערען עפּעס נייעס. דאָס איז געווען די מעשה אין איהר קינדהייט, און אַזוי ווי דער ראָמאַן איז ניט מעהר, ווי אַ מין מעשה, איז דאָס אויך געווען דער אָנפֿאַנג פֿון דעם ראָמאַן.

אין דעם פֿאָלגענדען קאַפּיטעל וועל איך דערצעהלען די ווייטערע געשיכטע פֿון דעם ראָמאַן.

——o——

II.

די ענטוויקלונג פון דעם ראמאן.

מיר ווייסען שוין, ווי דער ראָמאַן איז געבוירען געוואָרען. לאָמיר יעצט זעהן, ווי ער איז געוואַקסען און האָט זיך ענטוויקעלט. אָבער פריהער מוז איך ערקלעהרען איינינע זאכען:

אַלע ראָמאַנען, וועלכע מען האָט ביז אַהער אָנגעשריבען און וועלכע מען וועט ווייטער אָנשרייבען, זיינען עהנליך איינע צו דעם אַנדערען דערמיט, וואָס זיי זיינען אַלע אויסגעטראַכט. דערמיט אונטערשיידעט זיך דער ראָמאַן פון דער ביאָגראַפיע, פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען. אָבער אַלע ראָמאַנען זיינען עהנליך איינער צו דעם אַנדערען נאָך אין איין הינזיכט: אַלע דערצעהלען אַזעלכע זאכען, וועלכע קענען געשעהן אָדער וועלכע די יעניגע, וואָס שרייבען זיי אָדער פאַר וועלכע מען שרייבט זיי, האַלטען פאַר אַזעלכע, וואָס קענען געשעהן. מיט אַנדערע ווערטער: יעדער ראָמאַן שטעלט פאָר דאָס מענשליכע לעבען אַזוי, ווי דער, וואָס האָט איהם אָנגעשריבען, פאַרשטייען זי. דאָס מענשליכע לעבען איז פאַרשיעדען אין פאַרשיעדענע צייטען און לענדער. און דאַרום איז דער ראָמאַן פערשידען אין פערשיעדענע צייטען און לענדער. יעדע צייט, יעדעס לאַנד און זאָגאַר יעדען עלטער האָט זיך זיינע ראָמאַנען. אַלע ראָמאַנען זיינען רעאַליסטיש אין זייער צייט, ווייל אין זייער צייט ענטשפרעכען זיי דעם לעבען, די געפיהלע און די מיינונגען פון דעם מענשען. אַלע ראָמאַנען הערען אויף צו זיין רעאַליסטיש, ווען עס געהט אוועק זייער צייט, ווייל

דער נייער דור הייבט אָן צו קוקען אויף זיי מיט נייע אויגען און הייבט אָן צו לעזען זיי מיט נייע געפיהלע, וועלכע ענטשפּרעכען די נייע געזעלשאַפטליכע אומשטענדען. ניט דער אינהאַלט מאַכט אַ ראָמאַן פאַר רעאַליסטיש און ניט די פאָרמע, נאָר די לעבענס-וואַהרהייט, וועלכע ער ענטהאַלט. דער אינהאַלט פון דעם ראָמאַן ענטשפּרעכט געוויינליך דעם אינהאַלט פון דעם לעבען פון דער צייט, אין וועלכער ער איז געשריבען געוואָרען אָדער פון וועלכער ער איז געשריבען געוואָרען. און זיין פאָרמע ענטשפּרעכט געוויינליך דעם אינהאַלט.

די ערשטע ראָמאַנען זיינען אַרויסגעקומען פון ביאָגראַפיען פון בעריהמטע און אונגעוויינליכע פּערזאָנען. און דאַרום האָבען זיי פאַרגעשטעלט דאָס לעבען און די טהאַטען פון אונגעוויינליכע מענשען, פון העלדען. דער פּראָסטער עולם האָט ניט געהאַט קיין פּלאַץ אין די ביאָגראַפיען און אין דער געשיכטע פון יענער צייט. די ערשטע ראָמאַנען זיינען געווען העלדען-ראָמאַנען און וואונדער-ראָמאַנען, ווייל מענשען האָבען דאַן געגלויבט, דאָס אַלעס ווערט געמאַכט פון העלדען און אַז דאָס לעבען און די נאַטור זיינען פול מיט וואונדער. קיין פּסיכאָלאָגיע האָט אין יענע ראָמאַנען ניט געקענט זיין, ווייל קיינער האָט נאָך דאַן ניט געזוכט צו ערקלעהרען אונגעוויינליכע זאַכען דורך געוויינליכע אורזאַכען. אַ העלד האָט געטהון גרויסע טהאַטען, ווייל ער איז געווען אַ העלד, און ער איז געווען אַ העלד דערפאַר, וואָס ער איז געבוירען געוואָרען אַ העלד, און געבוירען געוואָרען אַ העלד איז ער דערפאַר, וואָס גאָט האָט אַזוי געוואָלט. און מיט אַזאַ

ערקלעהורנג איז מען געווען פֿאָלשטענדיג צופֿרירען. אין די ראָמאַנען פֿלעגט מען פֿאָ־שטעלען ניט נור מענשען נאָר אויך געטער, שדים א. ד. ג., ווייל אין יעדען ווינקעלע האָט מען דאַן געזעהן אַ גאָט אָדער אַ נים־גוטען, און ווייל מען האָט דאַן געגלויבט, דאָס געטער און שדים מישען זיך אַריין אין אַלע קלייניגקייטען פֿון דעם מענשליכען לעבען. די פֿרוי און די ליעבע האָבען אין יענע ראָמאַנען געשפּיעלט אַ פֿיעל קלענערע ראָלע, ווי זיי שפּיעלען אין היינטיגע ראָמאַנען, ווייל זיי האָבען געשפּיעלט אַ קלענערע ראָלע אין דעם לעבען.

אין דעם מיטעלאַלטער זיינען אַלע ראָמאַנען געווען ריטער־ראָמאַנען, ווייל די ריטער זיינען געווען די העלדען פֿון דער הערשענדער קלאַסע פֿון יענער צייט. די בעלי־הבתים זיינען דאַן געווען די באַראָנען די לאָרדען, די לאַנד־בעזיצער, און די הויפּט אינטערעסען פֿון דעם לעבען זיינען געווען מלחמה, יאַגד, טורנירען און ליעבע. און דאָס געפֿינט איהר אין אַלע ראָמאַנען פֿון יענער צייט אַזוי גוט, ווי אין אַלע געשיכטען, וואָס זיינען דאַן געשריבען געוואָרען. דאָס זיינען נאָך אַלץ געווען העלדען־ראָמאַנען און וואונדער־ראָמאַנען.

ווען דער פֿעאָדאַליזמוס האָט אָבגעלעבט זיין צייט און אויף דער סצענע פֿון דער געשיכטע איז אַרויסגעטרעטען די מיטעלקלאַסע, אָדער די בורזשואַזיע זיינען די ריטער־ראָמאַנען ביסלעכוויים פֿערשוואונדען און אויף זייער פּלאַץ זיינען ערשיענען נייע מינים ראָמאַנען, וועלכע האָבען בעסער ענטשפּראָכען די נייע אומשטענדען. די בעל־הבתים פֿון דער געזעלשאַפֿט האָבען געלעבט אַן׳אַנדער מין לעבען, ווי די

פריהערדיגע בעלי-הבתים; זיי האָבען געהאַט אַנדערע אינ־
טערעסען, אַנדערע געפיהלע, אַנדערע מיינונגען און אַנ'אַנ-
דער געשמאַק. און דאַרום האָבען זיי געפאָדערט אַנדערע
ראָמאַנען, און אַנדערע ראָמאַנען האָט מען זיי געגעבען.
מ'האָט אָנגעהויבען צו שרייבען ראָמאַנען פון דעם לעבען
פון דער מיטעל־קלאַסע; מ'האָט אָנגעהויבען פאָרצושטעלען
געוועהנליכע מענשען און בעשרייבען געוועהנליכע טהאַטען.
און אַזוי איז ביסלעכווייז ענטשטאַנען דער היינטיגער רעאַ־
ליסטישער ראָמאַן.

דער היינטיגער רעאַליסטישער ראָמאַן איז שוין אַלט
מעהר, ווי צוויי הונדערט יאָהר. ער איז ניט אימער געווען
אַזוי, ווי ער איז היינט, ער איז דורכגעגאַנגען פיעלע שטו־
פען פון ענטוויקלונג איידער ער איז געקומען צו זיין יעצטי-
גער מדרגה. אָבער זיין אינהאַלט איז אימער געווען דער־
זעלבער; ער האָט זיך אימער בעשעפטיגט הויפטזעכליך
מיט דער הערשענדע בורזשואַזער קלאַסע, די ריטער פון דעם
בייטעל זיינען געווען זיינע הייפט העלדען און זייער לעבען
איז געווען זיין הויפט־טהעמאַ. ערשט אין מיטען פון דיזען
יאַהרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען צו הערען די
שטימע פון דער אַרבייטער קלאַסע, פון דעם קומענדען
בעל הבית פון דער געזעלשאַפט, האָט אָנגעהויבען צו ער־
שיינען אין דעם ראָמאַן דער פראָסטער עולם. און וואָס
העכער עס ווערט די שטימע פון דעם פראָלעטאַריאַט,
וואָס גרעסער עס ווערט זיין מאַכט און וואָס נאָהענטער עס
קומט זיין זיעג, אַלץ מעהר פלאַץ הייבט אָן צו פאַרנעהמען
דער פראָסטער עולם אין היינטיגען רעאַליסטישען ראָמאַן.

די פֿאָרמע און די שפּראַכע פֿון דעם ראָמאַן האָבען זיך געענדערט צוזאַממען מיט דער ענדערונג פֿון זיין אינהאַלט ריטטערס און באַראָנען רעדען מיט אַנ'אַנדער שפּראַכע, ווי באַנקירען, און העלדען פֿיהלען אַנדערש, ווי סאַלון-קיפּערס און אַמעריקאַנער פּאָליטישענס. און דאַרום איז די שפּראַכע, דער סטיל פֿון היינטיגע ראָמאַנען פֿערשידען פֿון דער שפּראַכע און דעם סטיל פֿון אַמאָליגע ריטטער-ראָמאַנען און העלדען-ראָמאַנען. די אַמאָליגע ראָמאַנען זיינען געווען פֿול מיט וואונדער, געטטער און שדים, ווייל דאַן האָט מען געגלויבט אין נסים און מען האָט איבעראַל געזעהן געטטער און שדים. אין היינטיגע ראָמאַנען איז אַלעס פּראָסט און קלאָר, ווייל היינט גלויבט מען נור אין פֿאַקטען, אין דעם, וואָס מען קען אָנטאַפּען און אָפּוועגען. אין די אַמאָליגע ראָמאַנען האָט מען פֿאָרגעשטעלט דאָס לעבען אַזוי ווי מען האָט עס געזעהן אין דעם ליכט פֿון אַבערגלויבען; היינט שטעלט מען עס פֿאָר אַזוי, ווי מען זעהט עס אין דעם ליכט פֿון דער וויסענשאַפֿט.

——o——

III.

אללערליי ראמאנען.

אין אונזער צייט שפּיעלען ראָמאַנען און ראָמאַניסטען אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען. אַלע לעזען היינט ראָמאַנען און יעדער, וואָס קען שרייבען, שרייבט אָדער פּרופֿט צו שרייבען ראָמאַנען. די ראָמאַנען איז יעצט די פּאָפּולערסטע ליטעראַרישע פֿאָרמע, און די בעסטע פּלאַט-פֿאָרמע, פֿון וועלכע מען קען רעדען צום פֿאָלק, אָדער צו אַ בעדייטענדעם טהייל פֿון איהם. זעהר וועניג מענשען לע-זען וויסענשאַפֿטליכע ביכער אָדער אַרטיקלען; ניט פֿיעלע

אינטערעסירען זיך מיט די סעריעזע אַרטיקלען, וואָס ווערען געדרוקט אין די זשורנאַלען און צייטונגען; אָבער אַלע לעזען ראָמאַנען, אַלע הערען אויס די ראָמאַניסטען און דאַרום איז יעצט די פאָרמע פון דעם ראָמאַן געוואָרען די הערשענדע פאָרמע אין דער ליטעראַטור. געלעהרטע בענוצען זיך מיט דער פאָרמע פון דעם ראָמאַן אום צו פאָפולאַריזירען די וויסענשאַפט; מאָראַליסטען — אום צו פאַרבעסערען דאָס פאָלק; סאָציאַלע רעפאָרמערס — אום צו פראָפאַגאַנדירען זייערע אידעען; קרענקס — אום פערעפענטליכען זייערע משוגעת'ען, א. ז. וו. אָבער דער גרעסטער טהייל ראָמאַנען, ווערט נאַטירליך, געשריבען נור מיט דעם צוועק צו אַמוזירען דאָס פובליקום און צו בעקומען פון איהם דערפאַר עטליכע דאָלאַר. אַ פאָפולערער ראָמאַניסט קען יעצט מאַכען אַ פיינעם לעבען.

אַלערליי ראָמאַנען זיינען יעצט דאָ אויף דער וועלט. עס זיינען דאָ ראָמאַנען, וועלכע עס איז גוט צו לעזען נאָך דעם מיטאָג, און אַזעלכע, וואָס מען לעזט פאַר דעם שלאָף. עס זיינען דא ספּעציעלע ראָמאַנען פאַר אַלטע בחורים און פאַר פאַרזועסענע מיידלעך. פאַר פיינע בעלי הבתים און רעספעקטאַבעלנע ליידיס, פאַר יונגע לייט און פאַר דעם פראָסטען עולם. אין איינינע האָט מען נור צו טהון מיט גרויסע לייט, און די נידעריגסטע פערזאָנען אין זיי זיינען אָם וויינינסטענס באַראָנען. דעם פראָסטען עולם באַגעגענט מען אין זיי נור אין דער קיך אָדער אין דער שטאַל, און ווען ער קומט שוין אַ מאָל אַריין אין פאַרלאָר, געהט ער ניט וויטער פון דער טיר, אין אַנדערע ראָמאַנען רעדט מען נור פון אַנ-

שטענדיגע בורזשואַ; אין נאָך אַנדערע — פֿון קליינע קרע־מער און פֿון אַרבייטער.

עס זיינען דאָ היסטאָרישע ראָמאַנען. ד. ה. אַזעלכע, אין וועלכע עס ווערען פֿאָרגעשטעלט מענשען פֿון דעם נייַנ־צעהנטען יאַהרהונדערט אַנגעטהון אין די קאָסטיומען פֿון דעם פֿופֿצעהנטען אָדער זעכצעהנטען יאַהרהונדערט. מען רופֿט זיי היסטאָרישע בלויז דערפֿאַר, וואָס עס שטייט אַזוי אָנגעשריבען אויף דעם פֿאָדערשטען זייטעל, און ווייל די העלדען רופֿען זיך מיט היסטאָרישע נעמען, אין אמת׳ן איז אין זיי אפילו אויף אַ גראָשען ניטאָ קיין געשיכטע, און די געשיכטע, וואָס איז שוין יאָ דאָ אין זיי, איז מייסטענס גאָר נים קיין געשיכטע, נאָר דער רוח ווייסט וואָס. פֿון דעם ערגסטען היסטאָרישען ווערק קען מען מעהר לערנען גע־שיכטע, ווי פֿון דעם בעסטען היסטאָרישען ראָמאַן. מעהר אָדער וויינִיגער גוטע היסטאָרישע ראָמאַנען איז ביז אַהער ערשיענען העכסטענס אַ האַלבער דוצענד.

ווייטער זיינען דאָ טענדעציעזע ראָמאַנען כלומרשט ווי־סענשאַפֿטליכע, סענסאַציאָנעלע, סענטימענטאַלע, שמוציגע, אידעאַליסטישע און רעאַליסטישע.

אַ טענדענציעזער ראָמאַן הייסט אַ ראָמאַן מיט אַ מאָ־ראַל. דאָס איז אַ דרשה אין דער פֿאָרמע פֿון אַ ראָמאַן. דער צוועק פֿון אַזעלכע ראָמאַנען איז צו לערנען דעם עולם, ווי צו פֿיהרען זיך. ווען אַ טאַלענטפֿאָלער שרייבער שאַפֿט אַזאַ מין ראָמאַן, איז מען איהם מוחל די מאָראל און מען אינטערעסירט זיך בלויז מיט דער געשיכטע. אָבער ווען אַן אונפֿעהיגער היפאָקריט בענוצט זיך מיט דער פֿאָרמע פֿון

דעם ראָמאַן, אום צו פֿרעדיגען אַנדערע דאָס, וואָס ער אַליין טהוט נים, דאַן קומט אַרויס עטוואָס וואָס איז אין דעם העכסטען גראַד עקעלהאַפֿט און וואָס קען געפֿעלען נאָר אַלטע ווייבער אָדער פֿערשימעלטע מיידלעך.

אין די כלומרש׳טען וויסענשאַפֿטליכע ראָמאַנען ווערט כלומרש׳טען פּאָפּולאַריזירט די וויסענשאַפֿט. ווען אַזעלכע ראָמאַנען ווערען אָנגעשריבען פֿון געלעהרטע, געפֿינט מען אַביסעל וויסענשאַפֿט און זעהר ווענינ ראָמאַן. ווען עס שרייבען זיי כלומרש׳טע געלעהרטע, געפֿינט מען אין זיי אי שלעכטע וויסענשאַפֿט, אי שלעכטען ראָמאַן. דער פֿראַנצויזישער אַסטראָנאָם פֿלאַממאַריאָן שרייבט אַסטראָנאָמישע ראָמאַנען, דאָס הייסט אַזעלכע ראָמאַנען, וועלכע שטעלען פֿאָר דאָס לעבען אויף׳ן הימעל. אין דיזע ראָמאַנען איז דאָ אַ ביסעל פֿאַנטאַסטישע אַסטראָנאָמיע און קיין ברעקיל ראָמאַן. אין ענגלאַנד איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געווען אַ ראָמאַניסטקע, וועלכע האָט געשריבען פּאָליטיש-עקאָנאָמישע ראָמאַנען. עמיל זאָלא שרייבט ביאָלאָגישע, פֿיזיאָלאָגישע, אַנאַטאָמישע און אַלע מינים אַנדערע כלומרש׳טען וויסענשאַפֿטליכע ראָמאַנען, אין וועלכע די וויסענשאַפֿט טויג אויף כפּרות, און דער ראָמאַן איז איבערגעפֿיהרט צוליעב דער פֿאַלשער וויסענשאַפֿט.

די שמוציגע ראָמאַנען ווערען געשריבען פֿאַר אַלטע בחורים, פֿאַרוויאַלעטע מיידלעך און פֿאַר אַזעלכע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך זעהר פֿריה ענטוויקעלט און פֿערשטייען מעהר, ווי זייערע עלטער זיידעס און באָבעס האָבען פֿערשטאַנען, ווען זיי זיינען צוויי מאָל אַזוי אַלט געווען, ווי זיי.

אין אַזעלכע ראָמאַנען ווערט זעהר פֿיעל גערעדט פֿון מענ-נערשע און ווייבערשע אונטערשטע וועש און פֿון אַזעלכע זאַכען, וואָס מען זעהט אין אַ באָד און מיט וואָס מען בע-שעפֿטיגט זיך אין אַ שלאָף-צימער.

סענטימענטאַלע ראָמאַנען ווערען געשריבען פֿאַר אלטע ווייבער און גרינע יונגע לייט. זיי האָבען דיזעלבע ווירקונג אויף די לעזער, ווי שטאַרקער חריין אָדער חרוסת. טרערען גיסען זיך אין זיי טייכענווייז; קרעכצען הערען זיך אין זיי אויף יעדע שורה, און פֿיינע געפֿיהלע ציינען אין זיי וועלווע-לער, ווי באָרשטש.

אין די אידעאַליסטישע ראָמאַנען ווערען פֿאָרגעשטעלט מענשען, וואָס פּאַסען זיך מעהר אויף דעם הימעל, ווי אויף דער ערד; מענשען, וואָס זעהן אויס עדעל, רעדען ערהאַ-בען, שלאָפֿען ערהאַבען און שנייצען זיך אפילו אויס די נע-זער ערהאַבען. פֿאַר געזונדע מענשען האָבען אַזעלכע ראָמאַנען אַזאַ מין טעם, ווי ריצען-אייל.

דער גרעסטער טהייל פֿון היינטיגע ראָמאַנען בעלאַנגט צו דעם סאָרט ראָמאַנען, וועלכע מען רופֿט סענסאַציאָנעלע. מען רופֿט זיי אַזוי, ווייל זיי ווערען געשריבען מיט דעם צוועק צו מאַכען אַ סענזאַציע — אַ שרעקליכען איינדרוק אויף די לעזער. אַזעלכע ראָמאַנען ווערען געלעזען הויפּט-זעכליך פֿון דעם פּראָסטען עולם, זיי דערצעהלען אַזעלכע זאַכען, וואָס טרעפֿען זיך אַ מאָהל אין פּורים, און שטעלען פֿאָר אַזעלכע מענשען, וועלכע קיין לעזער האָט קיין מאָהל אין זיין לעבען ניט באַגעגענט. יעדער פֿון דיזע ראָמאַנען ענטהאַלט אַ ווייניגסטענס איין געהיימניס, וועלכע ווערט

ענטדעקט אין דעם לעצטען קאַפּיטעל פֿון דעם ראָמאַן, און דער מעהרצאָל פֿון זיי ענטהאַלט אַם וויינינגסטענס איין שרעקליכען מאָרד. אין אַ גוטען סענסאַציאָנעלען ראָמאַן איז די געהיימנים אַזוי שרעקליך און פֿינסטער, דאָס ביי דעם לעזער שטעלען זיך די האָר אויף׳ן קאָפּ און דאָס בלוט ווערט פֿאַרגליווערט; אין יעדען קאַפּיטעל שלאָגט מען זיך; אויף יעדען זייטעל גיסט זיך בלוט; מען הרג׳עט, מען סם׳ט אַוועק, מען רויבט, מען שרייט געוואַלד, קאַראַאול, מען גיסט מיט טרעהרען, מען שיט מיט קללות, מען קריצט מיט די צעהנער — מיט איינעם וואָרט, עס איז אַזוי אינטערעכאַנט, דאָס מען פֿאַרגעסט זיך אָן דעם עסען און אָן דעם שלאָפֿען און מען זעהט יעדע נאַכט אַזעלכע חלומות, דאָס מען באַגיסט זיך מיט שוויים.

אידען האָבען זעהר ליעב צו לעזען ראָמאַנען, אָבער זיי צופֿרידען צושטעלען איז פֿיעל שווערער ווי אַ קריסטליכען לעזער. פֿאַר אידען וואָלט מען בעדאַרפֿט שרייבען ספּעציעלע ראָמאַנען. אָט איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, אַ גוטער רעצעפּט פֿאַר אַ אידישען ראָמאַן, אויב אימיצער וויל זיך אָבגעבען מיט דעם, נעמט אַ גרויסע געהיימנים און פֿאַרפּלאָנטערט זי אַזוי, דאָס דער גרעסטער תלמיד חכם זאָל זי ניט קענען אויפֿפּלאָנטערן ביז דעם לעצטען קאַפּיטעל. באַגיסט דיזע געהיימנים מיט עטליכע עמער פֿון מענשליכע בלוט, און שיט אַריין עטליכע זעק פֿון די טיעפֿסטע און האַרצרייסענדסטע געפֿיהלע, דאַן שטעלט עס אַרויף אויף אַ פֿייער פֿון הויכע פֿראַזען, און וועהרענד עס וועט זיך קאָכען גיסט יעדע מינוט צו עטליכע גלעזער פֿון די ביטערסטע טרערען.

קאָכט עס אין אַ כלי פֿון דעם ריינסטען ליטווישען זשאַרגאָן און רופֿט דעם געקעכץ אָן לאָמיר זאָגען אַזוי: „די גרויסע געהיימנים פֿון העסטער סטריט, אַ האַרצרייסענדער, אַטהעם־פֿאַרכאַפּענדיגער און בלוט פֿאַרגליווערענדיגער רעאַליסטישער ראָמאַן פֿון דעם לעבען פֿון רוסישע, פוילישע און רומענישע אידען אין דעם נויאָרקער דאון־טאון. פֿערפֿאַסט פֿון דעם בעריהמטען ליטוויש-זשאַרגאָנישען ראָמאַניסט דזשאָן וויליאַם קניש".

אויב דיזער ראָמאַן וועט נים האָבען קיין אונגעהייערן ערפֿאָלג בין איך נים ווער איך בין.

—o—

IV.

דער רעאַליסטישער ראמאן.

דער רעאַליסטישער ראָמאַן איז די לעצטע צייט געוואָרען דער פּאָפּולערסטער מין ראָמאַן. אַלע פֿאָרערין נור רעאַליסטישע ראָמאַנען; אַלע לעזען אָרער, ריכטיגער, גלויבען, אַז זיי לעזען נור רעאַליסטישע ראָמאַנען. א גוטער ראָמאַן הייסט יעצט אַ רעאַליסטישער ראָמאַן; אַ שלעכטער — דער וועלכער איז וועניג רעאַליסטיש. עס געהן יעצט אַרויס יעדע וואָך עטליכע הונדערט נייע ראָמאַנען, און כמעט די גאַנצע וועלט לעזט יעצט ראָמאַנען. פֿון דעם אַלעמען וואָלט מען געהאַט א רעכט צו ציהען אַ שלוס, אַז דער גרעסטער טהייל פֿון היינטיגע ראָמאַנען זיינען רעאַליסטישע. אָבער אין אמת'ן איז דאָס גאָר נים אַזוי. איך גלויב נים, דאָס אין דער גאַנצער וועלט ליטעראַטור קען מען יעצט געפֿינען אפילו איין הונדערט רעאַליסטישע ראָמאַנען. די איבריגע מיליאָנען אַלטע און נייע ראָמאַנען, מים וועלכע די ביבליאָטהעקען און מאַ־

גאַזינען זיינען אָנגעפּיהלט און מיט וועלכע דאָס לעזענדע פּובליקום קוויקט זיך, זיינען רעאַליסטיש נור ביים נאָמען אָדער אפילו ביים נאָמען אויך נים. מיט די רעאַליסטישע ראָמאַנען קומט פאָר דאָס זעלבע, ווי מיט די האַוואַנאַ-סיגאַרען און מיט דעם שאַמפּאַניער-וויין. הונדערטע טויזענדע, מענשען גלויבען, אַז זיי רויכען אמת׳ע האַוואַנאַ-סיגאַרען און אַז זיי טרינקען אמת׳ן שאַמפּאַניער-וויין. אָבער איך גלויב ניט, אַז צווישען דיזע הונדערטע טויזענדע געפינען זיך מעהר ווי הונדערטע, וועלכע פאַרשטייען, וואָס אַ אמת׳ע האַוואַנאַ-סיגאַר איז און וואָס פאַר אַ טעם אמת׳ער שאַמפּאַניער וויין האָט. די איבריגע גלויבען נור, אַז מען פאַרקויפט זיי אמת׳ע האַוואַנאַ-סיגאַרען, און רעדען זיך נור איין אַז, זיי פאַרשטייען, וואָס אמת׳ער שאַמפּאַניער וויין איז. און אַזוי איז אויך מיט דעם רעאַליסטישען ראָמאַן. זעלטען ווער עס לעזט אמת׳ע רעאַליסטישע ראָמאַנען, און זעלטען ווען אימיצער לעזט אַ וואַ־ען רעאַליסטישען ראָמאַן. אָבער אַלע משמאַקען מיט די ליפּען און שרייען „אַה, וואָס פאַר אַ פערגעניגען עס איז צו לעזען אַ אמת׳ע רעאַליסטישען ראָמאַן" אָבער מענשען האבען אַ גרויסען פערגעניגען ווען זיי האָבען די געלעגענהייט זיך אַליין אָבצונאַרען.

וואָס־זשע איז אַזוינס אַ רעאַליסטישער ראָמאַן? מיט וואָס אונטערשיידעט ער זיך פון די איבעריגע מינים ראָמאַנען, וועלכע איך האָב אויסגירעכענט אין דעם פאָריגען אַרטיקעל.

פריהער פאַר אַלעמען איז דאָס אַזאַ מין ראָמאַן, וועלכער שטעלט פאָר דאָס אַלטעגליכע לעבען, דאָס לעבען וואָס מען זעהט יעדען טאָג אויף יעדען טריט און שריט, און מענשען, וועלכע מען באַגעגענט יעדען טאָג

און אומעדום. אין אַ רעאַליסטישען ראָמאַן ווערן ניט דער־צײלט אַזעלכע זאַכען וואָס טרעפֿען זיך איין מאָל אין טויזענד יאָהר, און עס ווערן ניט פֿאָרגעשטעלט אַזעלכע כאַראַקטער־ען, וועלכע מען קען ניט באַגעגנען אפילו צווישען מיליאָנען מענשען. דער לעזער פֿון אַ רעאַליסטישען ראָמאַן דערקענט דאָס לעבען, וואָס איז בעשריבען דאָרט, אַזוי ווי ער האָט עס שוין ניט איין מאָהל געזעהן, און דערקענט די כאראקטער־ען, וועלכע ווערען דאָרט פֿאָרגעשטעלט, אַזוי ווי ער האָט זיי שוין ניט איין מאָל באַגעגענט. עס מאַכט ניט אויס, וואָס דער ראָמאַן איז פֿון דעם פֿראַנצויזישען לעבען וועהרענד איהר, וואָס לעזט איהם, זייט אַ'ן ענגלענדער; אָדער וואָס ער שטעלט פֿאָר דאָס טערקישע לעבען, וועהרענד איהר, וואָס לעזט איהם, זייט קיין מאָהל ניט אַרויסגעפֿאָהרען פֿון אייער געבורטס־פּלאַץ. אונטער די אונבעקאַנטע קאָסט־יומען פֿון די פּערזאָנען פֿיהלט איהר בעקאַנטע כאַראַק־טערע; אונטער די אונבעקאנטע מנהגים דערקענט איהר דאָס בעקאנטע געוויינליכע לעבען.

אין אַ רעאַליסטישען ראָמאַן געפֿינט איהר ניט קיין מלאכים און קיין העלדען, ווייל די ערשטע זיינען אונמעגליך און דיא צווייטע זיינען שרעקליך זעלטען אין דעם ווירקליכען לעבען, אין אַ רעאַליסטישען ראָמאַן געפֿינט איהר אויך ניט קיין שרעקליכע רשעים, רויבערס און מערדערס, ווייל אזעלכע מענשען בעגעגענט איהר זעהר זעלטען אין דעם אַלטעגליכען לעבען. אין אַ רעאליסטישען ראָמאַן זיינען נישאָ קיין פֿינסטערע געהיימניסע; עס גיסען זיך ניט קיין טייכען מיט בלוט און קיין ימים מיט טרערן, ווייל אין דעם ווירקליכען

לעבען איז פֿאַראנען זעהר ווייניג געהיימניסע, און ווייניגער מען ניט מעהר, וויא מען הערט לאַכען. דאָס מענשליכע לעבען איז ניט גאָר אין גאַנצען אַ טראַגעדיע און ניט גאָר אין גאַנצען אַ קאָמעדיע, זיא איז דאָס און יענעס צוזאַמען. און דארום קען אַ רעאַליסטישער ראָמאַן ניט זיין ניט צו פעסימיסטיש און ניט צו אָפטימיסטיש. דאָס לעבען און די מענשען, וואָס ווערען פֿאָרגעשטעלט אין איהם זיינען ניט בעסער און ניט ערגער, ווי זייא זיינען אין דער ווירקליכקייט. דיא כאראקטערן זיינען ניט קיין ווילדע חיות און און זיינען ניט קיין מלאכים; דאָס לעבען איז ניט קיין גיהנם און ניט קיין גן עדן.

אום פֿאָרצושטעלען דאָס לעבען אַזוי, ווי עס איז, ד. ה. רעאַליסטיש, מוז דער ראָמאַניסט זיין אָביעקטיוו, ד. ה. ער מוז זעהען ניט אריינצוברייננען אין דעם ראָמאַן זיינע פערזענליכע געפֿיהלע און מיינונגען; ער דאַרף ניט רעדען דאָס וואָס ער וויל, מיט דיא מיילער פֿון זיינע כאראקטערען, נאָר ער דאַרף זייא לאָזען אליין רעדען. ער דאַרף זיך ניט אָבשטעלען מעהר אויף דער פֿינסטערער זייט פֿון דעם לעבען, וויא אויף דער ליכטיגער, אָדער פֿערקעהרט, און ניט מעהר אויף דיא שלעכטע זייטען פֿון דעם מענשען, וויא אויף זיינע גוטע זייטען. ער דארף ניט קוקען אויף דעם לעבען ניט דורך דונקעלע ברילען און ניט דורך שעהן געפֿארבטע. אויף זיינע בילדער פֿון דעם לעבען דארף ער ניט ארויפֿלייגען ניט צו פֿיעל ליכט און ניט צו פֿיעל שאָטען. אלע זייטען פֿון דעם לעבען און פֿון דעם מענשען דאַרפֿען פֿאָרגעשטעלט ווערען אין דער זעלבער פראָפּאָרציאָן און מיט דער זעלבער

בעליבטונג, וויא מען זעהט זייא אין דער ווירקליכקייט.

דער רעאליסטישער ראמאן דארף ניט פרעדיגען קיין מאראל און דארף ניט פראפאגאנדירען קיין שום איזמוסען. ער דארף געבען נור א'ן אלזייטיגען בילד פון דעם ווירקליכען לעבען, און דיזער בילד וועט שוין אליין ענטהאלטען א מאראל, וועט שוין אליין פראפאגאנדירען דעם וואהרע איזמוס. א רעאליסטישער ראמאן קען זיך ניט בעשעפטיגען מיט וויסענשאפטליכע און פילאזאפישע פראגען, ווייל דאס קען נור איבערפיהרען דעם ראמאן און קען קיין שום נוצען ניט ברייגגען ניט דער וויסענשאפט און ניט דער פילאזאפיע.

דיא שפראכע פון א רעאליסטישען ראמאן דארף זיין איינפאך און קלאר. קיין הויכע און פארוויקעלטע פראזען, קיינע אללעגאריען, קיין געדיכטע פארבען. דער ראמאניסט דארף געברויכען ניט מעהר ווערטער, וויא עס איז נייטיג, אום צו ערקלערן א זאך, און ניט מעהר פארבען און ניט קיין געדיכטערע פארבען, וויא עס איז נייטיג, אום אויסצומאהלען א וואהרען פארטרעט.

פארצושטעלען דאס אלטעגליכע לעבען הייסט ניט צו פאטאגראפירען דאס לעבען ד. ה. צו בעשטימען געוויסע זאכען, וועלכע דער ראמאניסט האט אליין געזעהען, און פונקט אזוי ווי ער האט זייא דערזעהען. דאס הייסט נור פארצושטעלען דאס וואס איז טיפיש, אלגעמיין אין דעם גאנצען לעבען פון א געוויסע לאנד אין א געוויסע צייט אדער אין א געוויסען פאך פון דעם לעבען פון אגעוויסע לאנד אין געוויסע צייט.

פֿאָרצושטעלען דאָס אַלטעגליכע לעבען הייסט ניט צו בעשרייבען אַלע קלייניגקייטען, אַלעס אָהן אויסנאהמע, וואָס מען געפֿינט אין דעם לעבען. עס איז ניט נויטיג צו בעשרייבען די וואָטערקלאָזעטען, דאָס וואָס עס געפֿינט זיך אין די בעטען, וויא א פֿרוי גייט צו קינד, וויא אַ מענש קראַצט זיך וויא אַ מיידעל טהוט זיך אויס, א. ד. ג. פֿון אַזעלכע בע-שרייבונגען—כאָטש זייא מעגען זיך זיין פֿאָלשטענדיג רעאַ-ליסטיש—הייבט א געזונטען מענש אָן צו עקלען און אַראָמאַן אַזוי וויא יעדעס ווערק דער קונסט, דאַרף בעפֿרידיגען דעם עסטהעטישען געפֿיהל פֿון דעם מענשען און ניט ערוועקען זיינע טהירישע אינסטינקטען אָדער מאַכען איהם נודנע אויף דעם האַרצען.

טאנצען און טענצער.

——o——

(נאָך הערבערט ספענסער)

——o——

טאַנצען און טענצער זיינען אַרויסגעקומען אויף דער װעלבער װייזע און אין דער זעלבער צייט, וויא מוזיק און מוזיקאַנטען. מוזיק איז דיא שפּראַכע פֿון דיא געפֿיהלע, און אַזוי איז אויך דאָס טאַנצען. נאָר דאָס טאַנצען איז אַ שטוממע שפּראַכע פֿון דיא געפֿיהלע, דאָס איז, זאָ צו זאָגען, דיא מימיקע פֿון דיא געפֿיהלע. ווען אַ מענש איז אויפֿגערעגט, איז זיין רעדען עהנליך צו זינגען, און אין דער זעלבער צייט מאַכט ער אַזוי מיט דיא הענט און אָפּט אויך מיט דיא פֿיס, דאָס זיינע אוואַיעס זיינען עהנליך צו דעם איינפֿאַכסטען טאַנצען. מיט וואָס מעהר געפֿיהלע אַ מענש רעדט, אַלץ האַסטיגער זיינען זיינע אַוואַיעס, ד. ה. אַלץ נאָהענטער צו טאַנצען זיינען זיינע בעוועגונגען.

ווען אַ קינד דערזעהט פֿון וויטען זיין פֿאָטער אָדער מוטער, הייבט ער אָן צו שפּרינגען פֿאַר פֿרייד. דיזער שפּרינגען איז דער איינפֿאַכעסטער מין טאַנץ. ווען אַ הונט דערזעהט זיין בעל הבית, הויבט ער אויך אָן צו שפּרינגען פֿאַר פֿרייד, און זיין שפּרינגען איז אויך אַ מין טאַנץ, דער איינציגער מין טאַנץ צו וועלכען ער איז פֿעהיג. אויף אַ פֿעלד, וואו עס פֿאַסעט זיך א גאַנצע סטאַדע בהמות, קען מען אָפֿט זעהען, וויא אַ זכר שפּרינגט אַרום א נקבה. דיזער שפּרינגען איז אַ שטוממע ערקלערונג אין ליעבע; דאָס איז

אַ'ן אויסדרוק פֿון דיא ראָמאַנטישע געפֿיהלע פֿון אַ'ן אָקס אָדער אַ פֿערד; דאָס איז א ליעבע-טאַנץ ביי דיזע חיות.

ווען אַ מענש דערהערט עפּעס אַ פֿרייהליכע נייעס הייבט ער אָן צו שפּרינגען פֿאר פֿרייד; ווען א גוטער רעדנער איז אויפֿגערעגט, שפּרינגט ער ארום אויף דער פּלאטפֿאָרמע; ווען א יונגער מאַן דערזעהט א שיינע פֿריילין, הייבט ער זיך אָן ארומצודרייען ארום איהר. דאָס זיינען אַלץ פֿערשידענע מינים טענץ אין זייער איינפֿאכסטער פֿאָרמע. דאָס זיינען אלץ אייסדריקע פֿון אויפֿגירעגטע געפֿיהלע.

דיא ערשטע פֿאָלקס טענץ זיינען ענטשטאנען אויף דעם זעלבען ארט, וויא דיא ערשטע פֿאָלקס ליעדער. ווען א ווילדער מענש פֿלעגט צוריקקומען פֿון א גליקליכען קריעג, פֿלעגט ער שרייען און שפּרינגען פֿאר פֿרייד, זיין שרייען, שאלען איז געוועזן דער איינפֿאכסטער מין קריעגס-ליעד און שפּרינגען — דער איינפֿאכסטער קריעגס טאַנץ. דער מענש פֿלעגט שפּרינגען פֿאר פֿרייד, ווען ער פֿלעגט זיך קלייבען צו גיין אויף א מלחמה אָדער אויף א יאגד, און ער פֿלעגט אין זיין שפּרינגען נאָכמאַכען אַ מלחמה אָדער אַ יאַגד, ד. ה. ער פֿלעגט מאַכען דיא זעלבע בעוועגונגען מיט דיא הענט און מימ דיא פֿיס אַזוי וויא ער וואָלט ווירקליך געקעמפּפֿט מיט דעם פֿיינד אָדער מיט ווילדע חיות. דאָס זיינען גיוועזן דיא ערשטע קריעגס און יאַגד טענץ; דאָס זיינען גיוועזן דיא ערשטע באַלעטען. נאָך היינטיגען טאָג געפֿינען מיר ביי ווילדע פֿעלקער אַזעלדע מינים טענץ. און אַזוי איז אויך ענטשטאַנען דיא חתונה טענץ אָדער ליעבע טענץ, וועלכע זיינען גיוועזן אַזוי עהנליך צו יאַגד טענץ, וויא דיא ערשטע

ליעבע ליעדער זיינען געווען עהנליך צו יאַגד ליעדער.

ווען אַ מענש זינגט אַ פֿריילינבע ליעד, טאַנצט ער צו דאַבײַ. ביי ציוויליזירטע מענשען בעמערקט מען עס ניט אַזוי שטאַרק; אָבער ביי קינדער און ווילדע מענשען איז עס אימער אַזוי, ווייל דיזע זיינען מעהר נאַטירליך,—זיי שעהמען זיך ניט אַרויסצוּווייזען זייערע געפֿיהלע. און ווען דיא גע-פֿיהלע זיינען אויפֿגערעגט, ריידען זיי צו דער זעלבער צייט אי מיט דעם קול אי מיט דעם גאַנצען קערפּער, און דארום האָבען זיך דיא, זאָ צו זאָגען, שוועסטער-קינסטע, מוזיק און טאַנצען, ענטוויקעלט האַנד אין האַנד און אויף דעם זעלבען אופֿן.

ווען שאול און דוד זיינען צוריקגעקומען פֿון דעם גליק-ליכען קריעג מיט דיא פּלישתּים, זיינען דיא טעכטער פֿון ישראל אַרויסגיגאַנגען זייא אַנקעגען און האָבען ניט נאָר געזונגען, נאָר אויך געטאַנצט. ווען אַ קעניג אָדער אַ הויפּט-מאַן פֿלעגען אַ מאָל צוריקקומען פֿון אַ זיעגרייכען קריעג, פֿלעגט זייא דאָס פֿאָלק באַגעגענען ניט נאָר מיט פֿרייד געשרייען, נאָר אויך מיט פֿרייד-שפּרינגען. פֿון דער פֿרייד-געשריי איז שפּעטער געוואָרען אַ העלדען ליעד אָדער אַ קעניגליכע הימנע, און פֿון דיא פֿרייד-שפּריגגען איז דער נאָך געוואָרען אַ העלדען-טאַנץ אָדער אַ באַלעט. און וויא דאָס זינגען, אַזוי איז אויך דאָס טאַנצען אין אַזעלכע פֿעלע ביס-לעכווייז גיוואָרען אַ מנהג, דערנאָך אַ צערמאָניע און אָם ענדע דיא ספּעציאַליטעט פֿון אַ בעזונדערער קלאַסע מענשען. דיא פּראָפֿעסיאָן פֿון טענצער איז ענטשטאַנדען אין דער זעלבער צייט, וויא דיא פּראָפֿעסיאָן פֿון זינגערס. די ערשטע

זינגערס זיינען אין דער זעלבער צייט אויך געווען טענצערס, ווייל דיא ערשטע צייט האָט מען זיך ניט געקענט פֿאָר־שטעלען זינגען אָהן טאַנצען.

און אַזוי וויא דיא העברעע מוזיק איז ענטשטאַנדען פֿון דער פֿאַרצייטיגער רעליגיעזער מוזיק, אַזוי איז אויך דער ענטוויקעלטער טאַנץ ענטשטאַנען פֿון דעם אַמאָליגען רעליג־יעזען טאַנץ. מוזיק איז נאָך ביז היינטיגען טאָג אַ טהייל פֿון דעם רעליגיעזען סדר; דאָס טאַנצען איז אַ לאַנגע צייט אויך געווען אַ טהייל פֿון דעם רעליגיעזען סדר. איך האָב ערקלערט אין דעם פֿאָריגען אַרטיקעל, וויא עס איז ענטשטאַנען דיא רעליגיעזע מוזיק. אויף דערזעלבער וויזע איז אויך ענטשטאַנען דער רעליגיעזער טאַנץ.

ווען משה האָט אַריבערגעפֿיהרט די אידען איבער דעם רויטען ים, איז מרים צוזאַמען מיט אַנדערע ווייבער אַרויס־געגאַנגען פֿאָראויס און האָט אָנגעהויבען צו זינגען אַ לויב־געזאַנג צו גאָט. און דערביי האָבען זייא אויך געטאַנצט. דוד האָט ניט איין מאָל געטאַנצט פֿאַר דעם הייליגען קאַסטען אין וועלכען עס איז געווען בעהאַלטען דיא תורה. ביי אַלע ווילדע פֿעלקער איז דאָס טאַנצען אַ טהייל פֿון דעם רעלי־גיעזען סדר. אין אַביססיניאַ (אפֿריקא) איז דיא פֿפליכט פֿון דיא גלחים צו זינגען און צו טאַנצען אין דיא טעמפּלען. אין פֿאַרצייטיגען מצרים פֿלעגט מען איממער זינגען און טאַנצען אין דיא טעמפּלען, און אַזוי איז אויך געווען אין דעם אַלטען גריכענלאַנד. אין דעם אַלטען רוים זיינען אויך געווען „הייליגע טענץ" און אַ ספּעציעלע קלאַססע גלחים, וועלכע מען פֿלעגט רופֿען דיא „שפּרינגערס". אין תהלים שטייט

אויך „הללוהו בתוף ומחול", „לויבט גאָט מיט פויקען און טאַנצען".

דיא קונסט פֿון טאַנצען האָט זיך מיט דער צייט אָבּ־געטהיילט פֿון דעם רעליגיעזען סדר, ווייל זיא איז אים שטאַנדע אויסצודריקען נור אַ געוויסען סאָרט געפֿיהלע, געמליך, פֿרייליכע אָדער איבערהויפּט וועלטליכע; קיין טרויעריגע, ריהרענדע און ערהאַבענע געפֿיהלע קען מען מיט דיא פֿיס ניט אויסדריקען און דאַרום קען מען מיט דעם טאַנצען ניט ערוועקען דעם רעליגיעזען געפֿיהל אזוי, וויא מיט מוזיק. פֿון דעם אַמאָליגען רעליגיעזען טאַנצען איז נור געבליבען ביז היינטיגען טאָג דיא רעליגיעזע פּראָצעססיאָן ביי דיא קאַטאָליקען און אָרטהאָדאָקסישע קריסטען און דיא הקפֿות אין שמחת תורה ביי דיא אידען. פֿון דיא אַמאָליגע העלדען טענץ זיינען איבערגעבליבען די היינטיגע קעניגליכע נאציאָנאַלע און פּאָליטישע פּראָצעססיאָנען.

פֿון אַ טהייל פֿון דעם רעליגיעזען קולטוס און פֿון אַ הויף צערעמאָניע איז דאָס טאַנצען ביסלעכווייז געוואָרען אַ קונסט און אַ פּראָפֿעססיאָן, און איז ביסלעכווייז געוואָרען אונאבהענגיג פֿון איהר שוועסטער־קונסט—דיא מוזיק.

וואס איז פּאָעזיע ?

פֿון וואַנען האבען זיך גענומען פּאָעטען ?

אַלע זאָגענאַנטע פֿיינע קינסטע (פּאָעזיע, מוזיק, מאַהלע־ריי, סקולפּטור, אַרכיטעקטור און שוישפּילעריי) זיינען נאָהענטע קרובים איינער פֿון די אַנדערע, זייא שטאַמען זאָ צו זאָגען אַלע אַרויס פֿון איינע עלטערן. אָבער אַם נאָהענסטען איינער צו דער אַנדערער שטייען די קינסטע מוזיק און פּאָעזיע.

מוזיק איז די שפּראַכע פֿון אויפֿגערעגטע, בעגייסטערטע געפֿיהלע, און אַזוי איז אויך די פּאָעזיע. די מוזיקאַלישע שפּראַכע בעשטייט פֿון קלאַנגען; די פּאָעטישע—פֿון ווערטער. ניט אַלע קלאַנגען זיינען מוזיקאַליש און ניט אַלע ווערטער זיינען פּאָעטיש. אַ מעלאָדיע איז א צוזאַמענשטעלונג פֿון האַרמאָנישע קלאַנגען, וועלכע ענטשפּרעכען און רופֿען אַרויס אַ געוויסען געפֿיהל; אַ געדיכט איז אַ צוזאַמענשטעלונג פֿון האַרמאָנישע ווערטער וועלכע ענטשפּרעכען אויך און רופֿען אויך אַרויס אַ געוויסען געפֿיהל. מוזיק איז אימער פּאָעטיש; וואַהרע פּאָעזיע איז אימער מוזיקאַליש,

אַ מוזיקאַנט (און אויך אַ זינגער און קאָמפּאָזיטאָר) רעדט מיט קלאַנגען ; אַ פּאָעט מיט ווערטער. אָבער די קלאַנגען פֿון אַ מוזיקאַנט זיינען בעזאָנדערע קלאַנגען, און אַזוי זיינען אויך די ווערטער פֿון אַ פּאָעט בעזאָנדערע ווערטער. ווען אַ מענש זינגט אָדער פּאָעטיזירט, פֿיהלט ער אַנדערש, ווי ווען ער דערציילט עפּעס רוהיג, און דאַרום

איז אויך זיין שפּראַכע דאַמאָלס אַנדערש. ווען אַ מענש איז בעגייסטערט, זעהט ער מעהר, הערט בעסער און פיהלט טיעפער, וויא ווען ער געפינט זיך אין אַ געוויינליכען צו־שאַנד, און דארום איז זיין שפּראַכע דאַן רייכער, פוללער און לעבדיגער, וויא געוויינליך. און אַ רייכע, פוללע און לעבעדיגע שפּראַכע איז אַ פּאָעטישע שפּראַכע אַזוי וויא רייכע, פוללע און לעבהאַפטע קלאַנגען זיינען מוזיקאַלישע קלאַנגען.

ווען אַ מענש דערציילט רוהיג, וויא ער האָט געגעסען אַ גוטען בראַטען אָדער האָט געקויפט זיך אַ נייעם הוט, רעדט ער פּראָזאַ. אָבער ווען ער דערציילט מיט אַ פּער־פלאַמטען געזיכט און ברענענדיגע אויגען, וואָס פאַר אַ גרויסען ערפאָלג ער האָט געהאַט, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע זאַכען ער האָט געזעהען אָדער וואָס פאַר אַ שרעקליכע נייעס ער האָט געהערט,—דאַן רעדט ער פּאָעטיש, ווייל דאַן רעדט ער מיט אויפגערעגטע, בעגייסטערטע געפיהלע, און אַ'ן אויפגערעגטע בעגייסטערטע רעדע איז אַ פּאָעטישע רעדע.

הערט זיך צו, ווען אַ יונגער מאַן רעדט פון זיין גע־ליעבטער: וויא ער מאָלט אויס מיט רייכע פאַרבען אַללע איהרע מעלות, וויא ער בעשרייבט מיט הויכע און ענערגישע ווערטער אַלעס, וואָס זיא האָט געטאָן. זיין רעדע איז אַ פּאָעטישע, כאָטש ער מעג ניט האָבען קיין פונק פון טאַלאַנט און מעג ניט קענען אָנשרייבען דעם איינפאַכסטען געדיכט. דאָס איז פּאָעזיע אין איהר איינפאַכסטער פאָרמע.

הערט זיך צו, וויא אַ מוטער דערציילט פון דעם טויט פון איהר ליעבען קינד, זיא רעדט ניט אַזוי ווי געוויינליך;

זיא ברויכט אַנדערע ווערטער, זיא שטעלט דיא ווערטער אַנדערש צוזאַמען; זיא מאָהלט איהר אונגליק מיט ווערטער; איהר זעהט אַלעס, וואָס זיא דערציילט אייך, פאַר אייערע אויגען אַזוי, וויא עס וואָלט אין יענער מינוט פאָרגעקומען פאַר אייך. איהר רעדע איז אַ פּאָעטישע, כאָטש זיא מעג ניט זיין קיין פּאָעט. אין יענער מינוט, ווען זיא דערציילט אייך, איז זיא אַ פּאָעט, ווייל זיא איז אויפגערעגט, בעגייס־טערט. דאָס איז ווידער פּאָעזיע אין איהר אייפאַכסטער פאָרמע.

הערט זיך צו ווען א בעגייסטערטער רעדנער דערציילט פון דיא שרעקליכע ליידען פון דעם פאָלק און רופט מיט פייערדיגע ווערטער צום קאַמפף פאַר דער אַלגעמיינער בע־פרייאונג. זיין רעדע איז אַ פּאָעטישע; ער מאָהלט אויס מיט ענערגישע ווערטער אַ לעבעדיגען בילד. אין דער צייט ווען ער רעדט, איז ער אַ פּאָעט. דאָב איז ווידער פּאָעזיע אין איהר איינפאַכסטער פאָרמע.

הערט זיך צו, ווען אַ יונגער מאַן פאַנטאַזירט איבער זיין צוקונפט: מיט וואָס פאַר בריליאַנטענע פאַרבען ער מאָהלט זיא אויס, מיט וואָס פאַר אַ פיינע ווערטער ער בע־שרייבט זיא, ער זעהט זיא פאַר זיינע אויגען, און איהר הויבט זיא אויך אָן צו זעהן נאָך זיין בעשרייבונג. דאָס איז ווידער פּאָעזיע,—פּאָעזיע אין איהר איינפאַכסטער פאָרמע.

יעדער מענש וויא קאַלט ער זאָל ניט זיין און ווי אָרעם זיין לעבען זאָל ניט זיין, ווערט אַ מאָל אויף עטליכע מינוט אָדער אפילו אויף עטליכע שטונדען אַ פּאָעט. ווען איהם טרעפט אַ'ן אומגליק און ער דערציילט פון איהם אָדער

בעשרייבט איהם, איז זיין פּאָעזיע אַ טרויעריגע. ווען ער איז גליקליך און טהיילט זיך מיט זיין גליק מיט זיינע פריינד, איז זיין פּאָעזיע אַ פרעהליכע און ליכטיגע. יעדעס מאָהל ווען א מענש איז בעגייסטערט, אויפגערעגט, און מאָלט אויס מיט ווערטער אַ בילד דערפון, וואָס ער פיהלט, אָדער האָט געזעהן, אָדער האָט גיהערט, איז ער אַ פּאָעט, און זיין רעדע אָדער בעשרייבונג איז אַ פּאָעטישע. עס איז ניט נויטווענדיג, ער זאָל דערצעהלען אָדער בעשרייבען אין גראַמען, ווייל ניט דיא גראַמען מאַכען אַ'ן ערצעהלונג אָדער אַ בעשרייבונג פּאָעטיש. לעבעדיגע ווערטער, ווערטער וואָס זיינען אַזוי וויא בילדער,—אָט דאָס מאַכט אַ'ן ערצעהלונג פּאָעטיש, ווייל אַזעלכע ווערטער רופען אַרויס אין דעם, וואָס הערט דיא ערצעהלונג אָדער לעזט דיא בעשרייבונג, דיא זעלבע גע-פיהלע אָדער בילדער, וויא דיא, וואָס האָבען אויפגערעגט דעם, וואָס דערציילט אָדער בעשרייבט.

און ניט נור יעדער איינצעלנער מענש, נאָר אפילו אַ גאַנצעס פאָלק ווערט אַ מאָל אויף אַ קורצע צייט א פּאָעט. אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאָן איז דאָס גאַנצע פראנצויזישע פאָלק געווען איין גרויסער פּאָעט. אלע הערצער האָבען געקלאַפּט מיט דיזעלבע ער-האבענע געפיהלע, אַלע קעפּ זיינען געווען פול מיט דיא זעלבע גרויסאַרטיגע בילדער, און אַלע האָבען גירעט און האָבען געשריעבען מיט לעבעדיגע, פייערדיגע ווערטער. אלע זיינען געווען פּאָעטען

פּאָעזיע איז דעריבער דיא שפּראַכע פון אויפגערעגטע, בעגייסטערטע געפיהלע; א שפּראַכע, וואָס מאָלט אַזוי, וויא

מיט פֿארבען, א שפראכע פֿון ווערטער־בילדער. פּאָעזיע האָט עקזיסטירט אין אַלע צייטען, ווייל אין אלע צייטען זיינען מענשען געווען ענטציקט און ערשטוינט, אין אלע צייטען האָבען זייא געפֿיהלט אמאָל אַ גרויסע בעוואונדערונג, טיפֿע ליידען און גרויסע פֿריידען. פּאָעזיע עקזיסטירט אַפילו בייא חיות, נאָר, צו זייער אומגליק, קענען זייא ניט אויסדריקען, ווייל זייא קענען ניט ריידען.

דיא ערשטע און איינפֿאכסטע פּאָעזיע איז געווען א נאַטירליכער אויסדרוק פֿון אויפֿגערעגטע געפֿיהלע. זיא איז געווען זעהר אָרים, אונפֿאָלקאָמען, ווייל דיא מענשליכע שפּראכע איז געווען אָרים. זיא האָט זיך ענטוויקעלט צוזא־מען מיט דער ענטוויקלונג פֿון דער שפּראַכע. מענשען האָבען מיט דער צייט אויסגעפֿונען, וואָס פֿאַר א ווערטער דריקען אָם בעסטען אויס אַ געוויסען געפֿיהל. וואָס פֿאר אַ ווערטער מאָהלען אם בעסטען אויס א געוויסע בילד, אזוי ווי זייא האָבען ביסלעכווייז אויסגעפֿונען, וואָס פֿאר אַ קלאַנגען זיינען האַרמאָניש אין דריקען אם בעסטען אויס דעם אָדער יענעם געפֿיהל. און אַזוי איז ענטשטאַנען דיא קונסט פֿון פּאָעזיע.

פֿון וואַנען האָבען זיך גענומען פּאָעטען?

ווען שאול און דוד זיינען צוריקגיקומען פֿון דער גליק־ליכער מלחמה מיט די פּלישתים, זיינען זייא ארויסגעגאנגען אנטקעגען דיא פֿרויען פֿון ישראל און האָבען בעזונגען זייערע העלדענטהאטען. דער נגון פֿון דיזען לויב־געזאנג איז גיווען דיא איינפֿאכסטע מוזיק, און דיא ווערטער פֿון דיזער ליעד

זיינען געוועזן דיא איינפֿאכסטע פּאָעזיע, דער איינפֿאכסטער געדיכט. דיא ווערטער זיינען ניט געוועזן קיין געוויינליכע ווערטער, זייא זיינען געוועזן בילדער־ווערטער, ענערגישע ווערטער, פֿייערדיגע ווערטער, און דאָס איז פּאָעזיע. און דיעזע פּאָעטישע ווערטער זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען ניט מיט אַ געוויינליכען, רוהיגען קול, נאָר מיט געפֿיהל מיט בעגייסטערונג, און ווען מען רעדט מיט געפֿיהל אָדער בעגייסטערונג, קלינגט עס וויא אַ נגון. פֿון דיעזען ביישפּיעל קענט איהר זעהן, וויא עס זיינען ענטשטאַנען צו דער זעלבער צייט דיא וועלטליכע מוזיק און דיא וועלטליכע פּאָעזיע. דיא ווערטער פֿון דיא ערשטע העלדען־ליעדער זיינען געוועזן דיא ערשטע העלדען־געדיכטע (היינט רופֿט מען אַזעלכע געדיכטע „אָדען"), דיא ווערטער פֿון די ערשטע קריעגס און יאַגד־ליערער זיינען געוועזן דיא ערשטע קריעגס און יאַגד־געדיכטע, און דיא ווערטער פֿון די ערשטע ליעבע־ליעדער („ראָמאַנסען") זיינען גיוועזן די ערשטע לירישע געדיכטע.

אָבער ניט איממער איז דיא פּאָעזיע ענטשטאַנען צוזאמען מיט דער מוזיק. ניט אימער און ניט ביי אלע פֿעלקער פֿלעגט מען באנעגענען דעם קעניג אָדער דעם קריעגס פֿיהרער מיט ליעב־געזאנגען. מען האָט איהם געקענט באַ־געגענען אויך מיט לויב־געשרייען, מיט לויב־הילכען, וועלכע האָבען גימעגט ניט זיין מוזיקאליש, אָבער האָבען געמוזט זיין פּאָעטיש, ווייל זייא זיינען געוועזן דיא אויסדריקע פֿון אויפֿגערעגטע בעגייסטערטע געפֿיהלע. נאָך ביז היינטיגען טאָג באַגעגענט מען א קעניג מיט געשרייען: „הורראַ!", „האָך!" א. ז. וו. היינט איז דאָס געוואָרען בלויז אַ צערעמאָניע,

היינט לאָזען געוועהנליך אַרויס אזעלכע געשרייען נור סאָל־דאַטען, וועלכע זיינען געצוואונגען דאָס צו טאָן, אָדער שפּיאָנען, וועלכע מען בעצאָהלט, אַז זייא זאָלען עס טאָן. און היינט בעשטייען דיא לויב־געשרייען נור פֿון איינעם אָדער צוויי ווערטער. אָבער אין דיא אַמאָליגע צייטען פֿלעגט אַ גאנצעם פּאָרק באַגעגענען אַ קעניג מיט לויב־געשרייען, און מי פֿלעגט אויסשרייען ניט איינעם אָדער צוויי ווערטער, נאָר אַ מאַסע ווערטער. מי פֿלעגט אויסשרייען אַלע העלדענ־טהאטען פֿון דעם קעניג, אַלע זיעגען איבער דעם פֿיינד, די טאפּפֿערקייט פֿון דעם חיל א. ז. וו. מי פֿלעגט אויסשרייען אַ גאנצע רעדע, און אזוי וויא דיא רעדע איז געווען אַ בע־גייסטערטע, איז זיא אויך געווען א פּאָעטישע.

מיט דער צייט זיינען דיזע לויב־געשרייען געוואָרען בלויז אַ צערעמאָניע, און עס איז ענטשטאַנען א בעזונדערע קלאסע מענשען, וועלכע פֿלעגען באַגעגענען דעם קעניג מיט לויב געשרייען. דאָס זיינען געווען דיא ערשטע רעדנער. אין אָנפֿאנג זיינען דיזע געשרייען אָדער רעדען געווען קורץ און ווילד; ביסלעכוויז זיינען זיי געוואָרען לייכגער און פֿיינער; מען האָט זיך אָנגעהויבען פֿאָרצובערייטען צו זיי; און אַז ענדע האָט מען אָנגעהויבען צו ריידען מיט גראמען, וויל אַזעלכע רעדען האָבען בעסער געקלונגען, וויא ניט קיין גע־ראמטע רעדען, און אַזוי זיינען ענטשטאַנען צו דערזעלבער צייט דיא רעדנער־קונסט און דיא פּאָעטישע קונסט, און דיא פּראָפֿעסיאָנען פֿון רעדנער און פּאָעטען.

ביים הויף פֿון יעדען קעניג פֿלעגט א מאָל זיין כאָטש איין רעדנע אָדער פּאָעט, וועלכער האָט געהאט די פּפֿליכט

צו לויבען דעם קעניג און צו בעגייסטערן מיט פייערדיגע רעדען דאָס חיל פאַר א קריעג. אזעלכע הויף־פּאָעטען אָדער נאַציאָנאלע פּאָעטען געפינט מען נאָך היינט בייא פיעלע ווילדע פעלקער אין אפריקא. אין דעם אלטען עגיפּטען איז געווען דאָס זעלבע. און אזוי איז אויך געווען אין דעם אַלטען גריכענלאַנד און רוים. אין דעם מיטעלאַלטער האָט יעדער קעניג אין אייראפּא געהאַט זיין הויף פּאָעט, און נאָך ביז היינטיגען טאָג איז פאַראנען אין ענגלאַנד אַ הויף־פּאָעט, וועלכער שרייבט לויב-געדיכטע צו קעניגליכע חתונות און געבורטסטטאַגע, טרויעריגע-געדיכטע, ווען אַ מיטגליעד פון דער קעניגליכע פאַמיליע שטארבט, און בעזינגט אין גראַמען דיא העלדענטהאטען פון דעם ענגלישען חיל, אין דער צייט פון א קריעג. פאַר דיזען דזשאָב צאַהלט איהם די קעניגין אויף דעם פאָלקס חשבון 350 דאָלאַר א יאָהר.

אָבער ניט נור צו קעניגע פלעגט מען אין דיא אַמאָליגע צייטען הילכען און האַלטען לויב-רעדען, אַזוי וויא ניט נור צו קעניגע אַליין פלעגט מען אַ מאָל זינגען לויב-געזענגע. ווען דיא אידען זיינען אַריבער בשלום איבער דעם רויטען ים, און פרעה מיט זיין חיל זיינען בשלום דערטרונקען געווארען אין דעם זעלבען ים, איז ארויסגעגאנגען פאַר דעם פאָלק מרים צוזאמען מיט אנדערע אידענעס און האבען אָנגעהויבען צו זינגען א לויב-געזאנג צו גאָט. דיא ווערטער פון דיזען לויב-געזאנג זיינען געווען דיא אייפאכסטע רעליגיעזע פּאָעזיע, דער איינפאכסטער רעליגיעזער געדיכט. אָבער ניט אימער פלעגט מען זינגען צו גאָט אָדער צו געטער; מען פלעגט זעהר אָפט פראָסט שרייען צו זייא,

האַלטען צו זייא רעדעס, אין וועלכע מען פֿלעגט זיי לויבען, בעוואונדערן אָדער בעטען. און דאָס זיינען געווען דיא ערשטע דרשות, דיא ערשטע פּאָעטישע תפילות, און ווען פֿון דעם איז מיט דער צייט געוואָרען בלויז אַ צערעמאָניע, האָבען דיזע רעדעס צו גאָט אָדער צו געטער אָנגעהויבען צו האַלטען דיא גלחים, זייא זיינען געוואָרען דיא פֿאָלקס-רעדנער, דיא פֿאָלקס-פּאָעטען. זייא האָבען געלויבט גאָט פֿאַר דעם גאַנצען פֿאָלק און האָבען געבעטען איהם פֿאר דעם גאַנצען פֿאָלק. זייא פֿלעגען מוסר זאָגען דעם פֿאָלק אין פֿייערדיגע רעדעס, וועלכע פֿלעגען זיין דער אויסדרוק פֿון רעליגיעזער בעגייסטערונג. דאָס פֿאָלק, און אפילו זייא אַליין, האָבען געמיינט, אַז דאָס האָט גאָט אַליין גערעדט דורך זיי, ווייל ניט אימֶמער זיינען זיי געווען גלייך בעגייס-טערט, און ווען זייא פֿלעגען זיין בעגייסטערט, פֿלעגען זייא אויסזעהען, וויא פֿערריקטע, און פֿלעגען אַליין ניט וויסען, וואָס זייא האָבען גערעדט. אַזעלכע רעליגיעזע פּאָעטען פֿלעגט מען רופֿען נביאים.

ביי אַלע ווילדע פֿעלקער זיינען דיא גלחים צו דער זעלבער צייט געווען רעדנער און פּאָעטען. דאָס זעלבע איז געווען אין דיא אַלטע עגיפּטען, אין דיא אַלטע גריכענלאַנד און רוים. מען פֿלעגט בעטראַכטען דיא פּאָעטישע בעגייסטֶ-ערונג אַלס אַ געטליכע און דיא פּאָעטען אַלס געטליכע מענער. דיא פּאָעזיע איז אין אָנפֿאַנג געווען ענג פֿערבונדען מיט אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס; דיא ערשטע פּאָעטען זיינען געווען דיא גלחים, און דיא ערשטע פּאָעטישע ווערקע זיינען געווען רעליגיעזע. דיא גלחים פֿלעגען לויבען אין

פּאָעטישע רעדען אָדער געדיכטע אי דיא לעבעדיגע קעניגע אי די פערשטאָרבענע און פערגעטערטע, אי די העלדען־טהאַטען פון דיא קריעגס־פיהרער אי דיא נסים פון דיא געטער.

מיט דעם אָנפאַנג פון קריסטענטהום האָט זיך דיא וועלטליכע פּאָעזיע אָבגעטהיילט פון דער רעליגיעזער. דיא וועלטליכע פּאָעטען זיינען געוואָרען הויף-פּאָעטען, און פון דיזע הויף־פּאָעטען זיינען אַרויסגעקומען דיא היינטיגע פרייע פּאָעטען. אָבער דיא רעליגיעזע פּאָעזיע האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געשפּיעלט אַ פיעלע וויכטיגערע ראָלע, וויא די וועלט־ליכע. דיא מעהרסטע פּאָעטען פון דעם מיטעלאַלטער זיינען געוועזן גלחים, און דיא מעהרסטע פּאָעטישע ווערקע זיינען ביז דיא לעצטע צוויי יאָהרהונדערטע געוועזן רעליגיעזע. דיא רעליגיאָן איז געוועזן דיא הויפּט-אינטערעסע פון דעם לעבען, און דאַרום איז זיא איך געוועזן דיא הייפּטקוועלע פון פּאָ־עטישע בעגייסטרונג, און רעליגיעזע געפיהלע זיינען געוועזן דיא הויפּט-געגענשטענדע פון פּאָעטישע ווערקע.

פון וואנען האבען זיך גענומען מוזיקאנטען?

I.

וואס איז מוזיק?

דיא קונסט, וועלכע מען רופט מוזיק, איז איינגעטהיילט אין וואָקאַלע און אינסטרומענטאַלע, אָדער אין זינגען און אין שפּילען. זענגער זיינען אַזוי גוט מוזיקאַנטען, ווי שפּיעלער; דער אונטערשיעד צווישען זיי איז נור דער, דאָס דיא ערשטע בענוצען זיך מיט נאַטירליכע אינסטרומענטען און די צווייטע —מיט קינסטליכע, אָדער געמאַכטע אינסטרומענטען. זינגען הייסט שפּילען מיט דער שטיממע, שפּילען הייסט זינגען מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. זינגען איז נאַטירליכער, שפּילען איז קינסטליכער. דאָס שפּילען איז ענטשטאַנען שפּעטער, וויא דאָס זינגען, ווייל מענשען ווערען געבאָרען מיט שטימען, אָבער דאַרפען אויסטראַכטען, מאַכען אינסטרומענטען. אַ מוזיקאַלער אינסטרומענט מאַכט נאָך דיא מענשליכע שטימע. וואָס נאָהענטער דיא קלאַנגען פון אַ מוזיקאַלען אינסטרומענט זיינען צו דיא קלאַנגען פון א מענשליכע שטיממע, דעסטאָ העכער, פאָלקאָמענער איז דער אינסטרומענט. דעם פידעל האַלט מען פאר דעם פיינסטען מוזיקאַלישען אינסטרומענט, ווייל זיינע קלאַנגען זיינען מעהר וויא די קלאַנגען פון אללע אַנדערע אינסטרומענטען עהנליך צו דיא קלאַנגען פון דער

מענשליכער שטיממע. דיא געשיכטע פֿון מוזיק דאַרף מַען, פֿאָלגליך, אָנהויבען מיט דער געשיכטע פֿון זינגען, ווייל פֿריהער פֿאַר אלעמען האָט מען אָנגעהויבען צו זינגען און ערשט דערנאָך האָט מען ערפֿונדען דיא קונסט פֿון שפּילען.

ווי־זשע האָבען מענשען אָנגעהויבען צו זינגען? אין גרונד גענומען האָבען זייא קיין מאָהל ניט אָנגעהויבען, ווייל זייא האָבען אימּמער געזונגען. און ניט נור מענשען האָבען אימער געזונגען נאָר אפילו דער מין חיה, פֿון וועלכע זייא זיינען ענטשטאַנען, האָט אויך אימּמער געזונגען. און ניט נאָר יענע חיה, נאָר אַלע מינים חיות, וואָס האָבען שטימען, האָבען אימער געזונגען און זינגען נאָך עד היום. עס איז זעלבסטפֿערשטענדליך, דאָס ניט אַלע חיות, וואָס האָבען שטיממען, זינגען גלייך, און דאָס ניט אין אַלע צייטען האָבען מענשען גלייך געזונגען. אַ נאַכטיגאל זינגט בעסער, וויא אַ הוהן, אַ הוהן זינגט בעסער וויא אַ'ן עזעל, אַ'ן עזעל זינגט בעסער, וויא אַ חזיר, א. ז. וו. אדם הראשון האָט מן הסתם געזונגען א ביסעל ערגער פֿאר נח'ן, נח, אַ ביסעל ערגער פאר אבֿ־הם אבינו, אברהם אבינו—א ביסעל ערגער פֿאַר דיא כהנים אין בית המקדש, און די כהנים אַ סך ערגער ווי היינטיגע חזנים. אָבער אַלע האָבען געזונגען. דיא פֿעהיג־קייט צו זינגען האָט זיך לאַנגזאם ענטוויקעלט, אזוי ווי אלע פֿעהיגקייטען און אלע קונסטען. דאָס וואָס מען פֿלעגט אַ מאָל רופֿען זינגען, וואָלט מען היינט, פֿילייכט, גערופֿען הילכען, קוויטשען, פּישטשען אין דערגלליכען, און דאָס, וואָס מען רופֿט היינט זינגען, וועט מען, העכסט וואהרשיינליך,

אין אַ פּאָר טויזענד יאָהר ארום, בשום אופן ניט וועלען אָנ־רופען קיין זינגען. דאָס וואָס פּאר נח'ס אויערן איז געווען זיס און האַרמאָניש, איז פּאר אונזערע אוירען ווילד, און דאָס פון וואָס מיר לעקען דיא פינגער, וועט זיך אונזערע צוקונפ־טיגע דורות אויסווייזען פאר ווילד און עקעלהאפט.

וואָס איז אַזוינס אין גרונד דאָס, וואָס מען רופט זינגען? איך וועל עס פּרובען ערקלערען אייך מיט ביישפּיעלע. פאר־געסט זיך אויף א ווײלע, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ'ן אָפּעראַ, גרויסע מוזיקאנטען, קאָמפּאָזיטאָרס און זינגער. אום צו פארשטיין, וואָס עס איז אַזוינס זינגען, דאַרפען מיר נעהמען דיא איינפאכסטע פאָרמע פון זינגען, דעם איינ־פאכסטען סאָרט זינגען, ווייל דיא העכסטע פאָרמען זיינען דאָך ארויסגעקומען פון דיא איינפאכסטע, דיא ניעדעריגסטע. מיר וועלען, הייסט עס, האָבען אין זיננען נור דיא איינ־פאכסטע נגונים—ננונים פון די אייפאכסטע ליעדער, וועלכע אפילו אַ קליין קינד קען געדענקען נאָך איין מאָל הערען, און מיר וועלען א קוק טאָן, צו וואָס זייא זיינען עהנליך, אָדער וואָס איז עהנליך צו זיי ד. ה. פון וואָס זייא האָבען געקענט אַרויסקומען.

הערט זיך צו צו אַ אידענע, ווען זיא לעזט דעם טייטש חומש שבת נאָך דעם קוגעל—וואָס איז דאָס—לעזען אָדער זינגען ? עס איז אי דאָס אי יענעס, אי לעזען, אי זינגען. זי לעזט מיט אַזאַ געפיהל, דאָס עס קומט ביי אייך אויס אַזוי וויא זינגען. הערט זיך צו צו א אידען, ווען ער דאַווענט מיט געפיהל, וועט איהר געפינען דאָס זעלבע, הערט זיך צו, ווי איין פּרויענצימער דערציילט אוים אַ אַנאַדער פרויענצימער

איהר ביטערע הארץ. קלינגט ניט איהר שפראכע, וויא אַן איינפאַכע טרויעריגע ליעד? און וואַרום איז דאָס אַזוי? ווייל זיא רעדט מיט געפיהל. הערט זיך צו צו אַ יונגע מוטטער, ווען זיא רעדט צו איהר בייבי—קלינגט עס ניט, וויא אַ וויגעלע־ליעד? און וואַרום? ווייל זיא רעדט מיט געפיהל. הערט זיך צו, וויא א יונגער בחור ערקלערט זיך אין ליעבע און בעט זיך ביי דער מיידעל, זיא זאָל איהם שיינקען אַ ביסעל ליעבע—קלינגט עס ניט וויא אַ׳ן איינפאַכע ראָמאַנס־מעלאָדיע? און וואַרום? ווייל ער רעדט מיט געפיהל. הערט זיך צו צו אַ גוטען ענטהוזיאַסטישען רעדנער, ווען ער רופט דאָס פאָלק צום קאַמפף פאַר עטוואָס גרויסעס און ערהאַ־בענעס,—קלינגט ניט זיין רעדע אַזוי וויא א קריעגס־ליעד? א. ז. וו. א. ז. וו. מיט וואָס מעהר געפיהל אַ מענש רעדט, אַלץ עהנליכער איז זיין רעדען צו זינגען. וואָס פיינער זיין שטימע איז און וואָס בעסער ער ווייס זיך וויא צו בענוצען מיט איהר, אַלץ עהנליכער איז זיין ריידען צום זינגען. דער וואָס לייגט אריין זיין גאַנצע הארץ אין זיינע רייד, דער רעדט ניט, נאָר ער זינגט. ביי א גוטען שוישפילער, ווען ער שפיעלט אַ טראַגישע ראָלע, איז יעדע רעדע זיינע—אַ געזאַנג.

יעצט קענט איהר שוין פאַרשטיין, וואָס דאָס זינגען איז אַזוינס און פון וואַנען עס איז אַרויסגעקומען. זינגען איז דיא שפראַכע פון דיא געפיהלע אַזוי, ווי איינפאַכעס ריידען איז דיא שפראַכע פון דעם שכל. מוזיק איז נור דיא ענטוויקעלטע און קינסטליך פערבעסערטע שפראַכע פון די געפיהלע. וואָס בעסער אַ נגון גיט איבער, ד. ה. שפרעכט אויס אַ

געפיהל, דעסטאָ בעסער איז ער. דער אונטערשיעד צווישען זינגען און רעדען מיט געפיהל איז אַזוי וויא צווישען אַ גע־דיכט און אַ פּאָעטישעס ווערק, וועלכעס איז געשריבען גע־וואָרען אָהן גראַמען. אי דאָס געדיכט אי דאָס פּאָעטישע ווערק אָהן גראַמען זיינען גלייך פּאָעטיש; דער אונטערשיעד צווישען זייא איז נור אין דער פאָרמע. און אַזוי איז מיט ריידען און זינגען. ריידען מיט געפיהלע קען זיין ניט וויני־גער מוזיקאַליש, וויא זינגען; זייא אונטערשיידען זיך נור אין דער פאָרמע.

מענשען האָבען אימֶמער געזונגען, וויל זייא האָבען אימֶמער געפיהלט און האָבען אימער געהאַט אַ בעדירפניס אויסצודריקען זייערע געפיהלע מיט זייערע שטימען. אין אָנפאַנג האָבען זייא געזונגען זאָ צו זאָגען אָהן גראַמען, ניט וויסענדיג אליין, דאָס זייא זינגען. זייא האָבען געיאָממערט, ווען זייא איז געווען טרויעריג, און האָבען געהילעכט, ווען זיי איז געווען פריילין. דאָס איז געווען זינגען אין זיין איינ־פאַכסטער, נידעריגסטער פאָרמע. עס איז אַוועקגעגאַנגען זעהר אַ לאַנגע צייט, איידער מען האָט אויסגעפונען, וואָס פאַר אַ מינים קאָמבינאַציאָנען טענער דריקען אָם בעסטען אויס דעם אָדער יענעם געפיהל. און דאַן האָט מען אָנגעהויבען צו זינגען מוזיקאַליש, ד. ה. האַרמאָניש.

דאָס שפּיעלען איז אין אָנפאַנג געווען פונקט אַזוי ווילד, וויא דאָס זינגען. עס האָט זיך ענטוויקעלט צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון זינגען און צוזאמען מיט דער ענטוויק־לונג פון דער טעכניקע, ד. ה. מיט דער קונסט צו מאַכען אינסטרומענטען, זיי זיינען ענטשטאַנען פאָלגענדער־ווייזע:

חוץ קעניגע, קריעגס־פיהרער און עלטסטע, האָבען דיא פארצייטיגע מענשען געהאַט נאָך אימיצען, וועמען צו בעגריסען, צו לויבען און צו בעוואונדערען. דאָס זיינען געווען זייערע געטער,— די קעניגע אויף דעם הימעל, דיא פיהרער, וועלכע זיי האָבען ניט געקענט זעהן, אָבער אין וועלכע זיי האָבען פון דעסטוועגען געגלויבט, דיא גייסטער פון דיא פערשטאָרבענע מעכטיגע קעניגע און קריעגס־פיהרער, וועלכע, נאָך זייער מיינונג נאָך, האָבען ניט אויפגעהערט אריינצומישען זיך אין זייער לעבען און צו האָבען א גרויסען איינפלוס אויף דעם. אין דער ביבעל שטעהט, דאָס ווען משה האָט אַריבערגעפיהרט די אידען איבערן רויטען ים, איז אַרויסגעגאַנגען פאַר דעם פאָלק זיין שוועסטער מרים מיט אַנדערע פרויען, און האָבען זיך גענומען טאַנצען און זינגען א לויב צו גאָט, וועלכער האָט אַזוי וואונדערבאַר נוקם געווען זיך אין זיינע, ד. ה. זייערע פיינד. דאָס איז געווען פונקט אַזאַ מין געזאַנג, וויא דיא אידישע פרויען האָבען שפּעטער געזונגען, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגען שאול׳ן און דוד׳ן, נאָך דעם, וויא יענע האָבען בעזיעגט דיא פלשתים. אין דעם לעצטען פאַל האָבען זיי געגלויבט א וועלטליכען קעניג און אַ וועלטליכען קריעגס־פיהרער, און אין דעם ערשטען האָבען זיי בעזונגען דיא גרויסע טהאַטען פון דעם הימלישען קעניג און קריעגס־פיהרער. דער גאָט, וועלכען מרים מיט איהרע חבר׳טעס האָבען בעזונגען, איז געווען דער גאָט נור פון דעם אידישען פאָלק, ער איז געווען דער הימלישער קעניג פון דיא אידען, ער איז געווען זייער פיהרער, כאָטש זיי האָבען איהם נישט געקענט זעהן, דעם גרויסען זיעג איבער פרעהן,

האָבען זיי צוגעשריבען דיזען אונזיכטבאַרען קעניג און פֿיהרער זייערן, און דאַרום האָבען זיי איהם געלויבט און האָבען גע־שפּיעלט און געטאַנצט פֿאַר איהם. דאָס גאַנצע פֿאָלק איז געוועזען פֿול מיט פֿרייד, וואָס דער פֿיינד זיינער האָט געקראָגען דיא מפלה און וואָס ער איז אויף דיזער וויַיזע אויף אימער בעפֿרייט געוואָרען פֿון דעם גלות. און בעזאָנדערס האָבען זיך געפֿרעהט דיא פֿרויען, וועלכע האָבען פֿיעלייכט מעהר געליטען פֿון דעם גלות, וויא דיא מאַנספערזאָנען. און זייערע אויפֿגע־רעגטע געפֿיעלע האָבען זיך אויסגעדריקט אין אַ לויב-געזאַנג צו דעם, וועלכער איז געוועזען דיא אורזאַכע פֿון זייער פֿרייד. זיי האָבען זיך ניט פֿאָרבערייטעט צו דיזען געזאַנג, זיי האָבען ניט אויסגעטראַכט פֿאָראויס ניט דיא ווערטער און ניט דעם נגון. אי דער נגון אי דיא ווערטער זיינען געקומען צו זיי מיט אַ מאָל, ווען זיי זיינען געוואָרען בעגייסטערט, אויפֿגערעגט, אויסער זיך פֿון פֿרייד, דאַנקבאַרקייט און בעוואונדערונג.

אין דער זעלבער ביבעל געפֿינען מיר נאָך אַ ביישפּיעל פֿון אַזאַ מין זינגען. אין שמואל שטעהט ערגעץ, דאָס „אַ גרופּע נביאים איז אַראָבגעקומען פֿון אַ הויכען פּלאַטץ מיט אַ פּויק, אַ פֿלייטע און אַ ציטרע און האָבען געטאַנצט און געזונגען.“ דיזע האָבען אויך געזונגען אַ לויב-געזאַנג צו גאָט, און זייער געזאַנג איז אויך געקומען צו זיי דורך בעגייסטערונג ער איז געוועזען אין אויסדרוק פֿון אויפֿגערעגטע געפֿיהלע.

און אַזוי איז ענטשטאַנען דיא רעליגיעזע מוזיק. זיא האָט זיך ענטוויקעלט האַנט אין האַנט מיט דער קעניגליכער אָדער העלדען-מוזיק, און זיא איז אַליין געוועזען ניט מעהר, וויא אַ באַזונדערער מין קעניגליכער אָדער העלדען-מוזיק. אין

אָנפֿאַנג פֿלעגט דאָס גאַנצע פֿאָלק אָדער אַ גרויסער טהייל פֿון איהם נעהמען אַנטהייל אין דיזע געזענגע; מען פֿלעגט זינגען נור דאַן, ווען דיא הערצער זיינען גיווען פֿול, ווען מען האָט גיהאַט אַ בעדירפֿניס אויסצודריקען דיא אויפֿגערעגטע גע־פֿיהלע. שפּעטער איז דאָס זינגען געוואָרען בלויז אַ צע־רעמאָניע, אַ טהייל פֿון דעם רעליגיעזען קולטוס, און דאַן איז דאָס שוין געוואָרען אַ ספּעציאַליטעט פֿון אַ געוויסער קלאַסע מענשען, פֿון די שטענדיגע דיענער פֿון דיא הימלישע פֿיה־רערס,— פֿון דיא גייסטליכע. אין דעם בית המקדש האָבען געזונגען נור דיא כהנים. אין דיא טעמפּלען פֿון גריעכען־לאַנד, רוים און עגיפּטען האָבען געזונגען נור דיא גייסטליכע, און היינט זינגען אין דיא אידישע שוהלען דיא חזנים מיט דיא משוררים און אין דיא קריסטליכע קירכען — דיא גלחים מיט זייערע משוררים.

צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פֿון דעם רעליגיעזען גע־דאַנג, האָט זיך אויך ענטוויקעלט דיא רעליגיעזע אינסטרומענ־טאַלע מוזיק. אין אָנפֿאַנג פֿלעגט מען אין דיא הייליגע ערטער בלאָזען אין האָרענס אָדער שפּיעלען אויף פֿלייטעס, גיטאַרען, ציטרעס: היינט שפּיעלט מען אין דיא קירכעס אויף אָרגאַנען.

וואָס מעהר ענטוויקעלט עס איז געוואָרען דער רע־ליגיעזער קולטוס, אַלץ מעהר האָט זיך ענטוויקעלט דיא רעליגיעזע מוזיק, און ווען, אַזוי וויא אין דעם מיטעל אַלטער, די רעליגיאָן איז געוואָרען דיא הויפּט אינטערעסע פֿון דעם לעבען, און דיא קירכע איז געוואָרען דיא גרעסטע מאַכט, דאַן איז דיא גאַנצע מוזיק, מיט דער איינציגער אויסנאַהמע פֿון פֿאָלקס ליעדער, אַריינגעפֿאַלען אין דיא הענט פֿון דיא גייסטליכע.

מען פֿלעגט זיך לערנען זינגען און שפּיעלען נור פֿאַר דער קירכע. דיא גייסטליכע זיינען געווען דיא ערשטע פּראָפֿעסאָרען פֿון זינגען און שפּיעלען, און דיא ערשטע שולען פֿון מוזיק האָט מען געפֿונען אין די קלויסטערס, מיט דעם צוועק פֿאָרצובּרייטען גוטע זינגערס און שפּיעלערס פֿאַר דיא קירכעס. דיא ערשטע קאָמפּאָזיטאָרס זיינען געווען דיא גייסטליכע. זיי האָבען פֿאַרבּעסערט און ענטוויקעלט דיא מוזיק אַלס אַ קונסט, אום צו מאַכען די גאָטעס-דיענסט אין דיא קירכען וואָס מעהר גרויסאַרטיג און אַנציהענד. דיא ערשטע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס, — הענדעל און באַך, זיינען געווען אָרגאַניסטען, ד. ה. זיי האָבען געשפּיעלט אויף אָרגאַנען אין דיא קירכעס, און אַלע זייערע גרויסע מוזיקאַלע ווערקע זיינען אויך געווען ריין רעליגיעזע.

פֿון דיא רעליגיעזע מוזיק איז אַרויסגיקומען היינטיגע אָפּערא און קאָנצערט-מוזיק: פֿון דיא רעליגיעזע קאָמפּאָזיטאָרס זיינען אַרויסגעקומען דיא שפּעטערדיגע וועלטליכע קאָמפּאָזיטאָרס; פֿון דיא רעליגיעזע מוזיק-שולען זיינען אַרויסגיקומען דיא קאָנסערוואַטאָריען, פֿון אַ טהייל פֿון דעם רעליגיעזען קולטוס איז דיא מוזיק ביסלעכוויז גיוואָרען אַ פֿרייע-קונסט, וועלכע דריקט אויס ניט נאָר אַ געוויסען סאָרט געפֿיהלע, נאָר אַלע מענשליכע געפֿיהלע. און ווען מוזיק איז גיוואָרען אַ פֿרייע קונסט, איז זיא אויך גיוואָרען אַ פֿרייען פּראָפֿעסיאָן, עס זיינען ערשינען וועלטליכע קאָמפּאָזיטאָרס, וועלטליכע פּראָפֿעסאָרען פֿון מוזיק און וועלטליכע מוזיקאַנטען און זענגער.

אין אָנפאַנג פֿלעגט יעדער מוזיקאַנט זיין אין דער זעלבער צייט אויך אַ קאָמפּאָזיטאָר. ער פֿלעגט אַליין אויסטראַכטען אַ נגון און פֿלעגט איהם אַליין שפּיעלען און זעהר אָפֿט אַפֿילו אַליין זינגען. ביסלעכווייס איז דיא מוזיק איינגעטהיילט געוואָרען אין דריי בעזונדערע פּראָפֿעסיאָנען: פֿון קאָמפּאָזיטאָרס, מוזיקאַנטען (ד. ה. שפּיעלער) און זענגער.

פֿון וואַנען האָבען זיך גינומען היסטאָריקער?

דיא מיינונג, דאָס דיא געשיכטע מאַכט זיך אַליין (ד. ה. אָהן דער הילפֿע פֿון פּערזאָנען, אָדער איינצעלנע מענשען), דאָס דער פּראָגרעס פּראָגרעסירט אַליין, דאָס דיא ציוויליזאציאָן ווערט פֿון זיך אַליין געבוירען, א. ז. וו. א. ז. וו. — דיעזע אונגעהייער דומע מיינונג איז אַ גאַנץ נייע, צו אַזאַ מיינונג האָבען גיקענט קומען נאָר אַזעלכע נפֿשות, וואָס לערנען געשיכטע און וויסענשאַפֿט פֿון אַגיטאַציאָנס-רעדען און אַגיטאַציאָנס-אַרטיקלען, אָדער וואָס מאַכען רעוואָלוציאָנען מיט זייערע מיילער אָדער פֿעדערס. אַזאַ מיינונג האָב איך פּערזענליך געלעזען נאָר אין אַזעלכע שריפֿטען, וועלכע ווערען געלעזען פֿון דער רעכטער האַנד צו דער לינקער: און איך האָב זיי געהערט נאָר פֿון אַזעלכע רעדנער, וועלכע ריידען אויף אַלע שפּראַכען מיט אַ מאָל, און ביי וועלכע דיא מיילער זיינען מעהר פֿול, וויא דיא קעפּ, און דיא צונגען מעהר שאַרף, וויא דער שכל, דיא מיינונג איז, אָהנע צווייפעל, אָרגינעל: אָבער, דו ליעבער גאָט (וויא דיא דייטשען זאָגען), וויא פֿיעל אָריגינעלע מיינונגען קען מען געפֿינען אין יעדען אירען-הויז!

און דיא אַמאָליגע צייטען פֿלעגט מען בעטראַכטען דיא מעשה גאַנץ אַנדערש. אַ ווילדער מענש פֿלעגט איבערהויפּט ניט וויכ[illegible]ט פֿון געשיכטע, ניט פֿון פּראָגרעס און ניט

פֿין ציוויליזאַציאָן. ער האָט געוואוסט נאָר פֿון פֿאַקטען, טהאַטען און ערשיינונגען, וועלכע בילדען צוזאַמען די געשיכטע, דעם פּראָגרעס און דיא ציוויליזאַציאָן. ער איז ניט געווען קיין איבערגעשפּיצטער פֿילאָזאָף, נאָר אַ געזונדע דענקענדע חיה. ער האָט קיין מאָל ניט געזעהען, דאָס אַ ווילדער הירש זאָל זיך אַליין דערשטעכען, אַליין אָפּבראָטען, אַליין זיך צושניידען אויף שטיקלעך, אַליין אַנשטעקען זיך אויף אַ גאָפּעל און אַליין צו איהם אין מאָגען אַריינפֿאָהרען. ער האָט קיין מאָל ניט געזעהען, דאָס אַ מלחמה זאָל זיך אַליין פֿיהרען, דאָס אַ שטאָאַט זאָל ענטשטעהן און וואַקסען פֿון דער העלער הויט, א. ז. וו. א. ז׳ וו. ווען ער פֿלעגט אַ גיס טאָן, פֿלעגט ער זיך ניט דערמאָנען דערביי אָן דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען, און ווען זיין חבר פֿלעגט זיך אָבשנייצען דיא נאָז, פֿלעגט ער ניט זעהן אין דעם אַ פֿאָלגע פֿון דער סאָציאַלער אָרדנונג. ער איז — מיט איינעם וואָרט — געווען שרעקליך אונוויסענשאַפֿטליך.

ער האָט געזעהן נור איינצעלנע פֿאַקטען און האָט ניט פֿאַרשטאַנען זייער צוזאַמענהאַנג: ער האָט געזעהן גלידער פֿון דער קייט פֿון דער געשיכטע, און האָט ניט געזעהן דיא קייט אַליין. ער האָט געזעהן נור פֿאָלגען און דיא לעצטע אורזאַכע, וועלכע האָבען יענע פֿאָלגען אַרויסגערופֿען, אָבער ער האָט ניט געזעהן טיעפֿער, ער האָט ניט געזעהן דיא ווייטערע אורזאַכען, דיא ע ר ש ט ע אורזאַכען. ער האָט געזעהן אין דער געשיכטע פֿון זיין פֿאָלק אָדער זיין לאַנד, נור דיא גרויסע, גלענצענדע פֿאַקטען, און דיא גרויסע, גלענצענדע פֿאַקטען, פֿלעקט ער צושרייבען דיא גרויסע פּערזאָנען, וועלכע

זיינען געוועזן זייערע לעצטע אורזאכען, ווייל ער פֿלעגט מיט זיינע אייגענע אויגען זעהן אָדער מיט זיינע אייגענע אויערן הערען, אַז דיזע פֿאַקטען זיינען פֿון יענע פּערזאָנען אַרויס־געררופֿען געוואָרען. נאַטירליכע ערשיינונגען זיינען, נאָך זיין מיינונג נאָך, געוועזן גאָט-זאַכען, טהאַטען פֿון געטער: א סאָציאַלע ערשיינונגען זיינען געווען טהאַטען פֿון קעניגע או העלדען, וועלכע זיינען געוועזן נאָהענטע קרובים פֿון דיא געטער. אזוי איז ענטשטאַנען דער פּערזאָנען-קולטוס איי דער געשיכטע און אין דעם לעבען. דיזער פּערזאָנען-קולטוס האָט אימער געהאַט אַ גרונד, ווייל נאָך אַלעמען ווערט דאָך די געשיכטע ווירקליך געמאַכט פֿון פּערזאָנען, און מייסטענס פֿון גרויסע פּערזאָנען. מען דאַרף נור פֿאַרשטיין, דאָס ער־שטענס, ווערט דיא געשיכטע געמאַכט ניט נור פֿון גרויסע פּערזאָנען אַליין, נאָר פֿון אַלע פּערזאָנען, וואָס בילדען דיא געזעלשאַפֿט: און צווייטענס, דאָס גרויסע פּערזאָנען אַזוי גוט, וויא קליינע, פֿאַלען ניט אראָפּ פֿון הימעל און טהוען ניט קיין נסים: זיי זיינען אַליין דיא נויטוועגדיגע פֿאָלגען פֿון נאַטיר־ליכע און סאָציאַלע אומשטענדען און קענען אויפֿטאָן נור דאָס, וואָס דיא נאַטירליכע און סאָציאלע אומשטענדען פֿון זייער פלאַץ און צייט ערלויבען זיי.

פֿון דעם וויא דיא אַמאָליגע מענשען האָבען בעטראַכט דיא געשיכטע, קען שוין דער לעזער אַליין פֿערשטיין, וויא עס איז ענטשטאַנען דיא געשיכטע אַלס אַ צווייג פֿון לי־טעראַטור. ווען אַלעס ווערט געמאַכט פֿון קעניגע און העלדען, דאַן מוזען קעניגע און העלדען זיין דיא צענטראַלע פֿיגורען פֿון דער געשיכטע. דאָס לעבען פֿון אַלע מיטגליעדער פֿון

דער געמיינדע אָדער דעם שטאַאַט ווערט פֿערשוואונדען אין דעם לעבען פֿון דעם קעניג אָדער פֿון דיא עטליכע גרויסע פערזאָנען, וואָס שטייען אויף דער שפיצע פֿון דער געזעל־שאַפֿט. דיא געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק אָדער פֿון אַ שטאַאַט ווערט פֿערשוואונדען אין דער געשיכטע פֿון זיין קעניג אָדער זיינע פֿיהרער. דאָס לעבען פֿון דעם קעניג איז דאָס לעבען פֿון דעם פֿאָלק, דיא טהאַטען פֿון דעם קעניג זיינען דיא טהאַטען פֿון דעם פֿאָלק: דיא ביאָגראַפֿיע פֿון דעם קעניג איז דיא געשיכטע פֿון זיין פֿאָלק. דיא געשיכטע איז פֿאָל־גליך גיוועזן אין אָנפֿאַנג ניט מעהר וויא אַ ביאָגראַפֿיע. דיא געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק איז בעשטאַנען פֿון דיא ביאָגראַפֿיען פֿון זיינע קעניגע און העלדען.

פֿון דעם וויטערדיגען קאַפּיטעל וועט דער לעזער, וויסען וויא עס איז ענטשטאַנען דיא ביאָגראַפֿיע און פֿון וואַנען עס האָבען זיך גינומען ביאָגראַפֿען. דער אָנפֿאַנג פֿון דער ביאָגראַפֿיע איז צו דער זעלבער צייט גיוועזן דער אָנפֿאַנג פֿון דער גע־שיכטע. דיא ערשטע לירעס, גערדיכטע און רעדען זיינען געווען צו דער זעלבער צייט אויך דיא ערשטע ביאָגראַפֿיען; און דיא ערשטע ביאָגראַפֿיען זיינען געווען דיא ערשטע גע־שיכטען. דיא ערשטע מוזיקאַנטען, דיכטער און רעדנער זיינען פֿאָלגליך געווען דיא ערשטע ביאָגראַפֿיען און היסטאָ־ריקער. און אזוי וויא דיא מוזיק, פּאָעזיע, רעדנער-קונסט און ביאגראַפֿיע זיינען אַ לאַנגע צייט גיוועזן אין דיא הענט פֿון דיא גלחים, אַזוי איז אויך דיא געשיכטע אַ לאַנגע צייט גיוועזן אין דיא הענט פֿון דערזעלבער קלאַסע. דיא ערשטע היס־טאָריקער זיינען גיוועזן דיא גלחים.

אין אָנפאַנג איז דיא געשיכטע (אַזוי גוט, וויא דיא ביאָגראַפיען) געווען אַ מינדליכע. דיא ערציילונגען פון דעם לעבען פון קעניגע און העלדען פלעגען איבערגיין פון איין דור צו דעם אַנדערן. ווען מען האָט ערפונדען דיא קונסט פון שרייבען, האָבען דיא היסטאָריקער צוזאַמענגעקליבען אַלע דיעזע ערציילונגען און האָבען זיי פאַרשריבען. און דערנאָך האָבען זיי שוין אָנגעהויבען צו פאַרשרייבען אַלעס, וואָס פלעגט פאָרקומען אין זייער צייט. דיא גלחים פון דיא טעמפעלן פון עגיפטען, גריכענלאַנד און רוים פלעגען פאַר-שרייבען אין ספעציעלע ביכער אַלעס, וואָס פלעגט געשעהן אין זייער צייט און אין זייער לאַנד. דאָס זיינען געווע דיא ערשטע שריפטליכע געשיכטען, און אַזוי איז אָבגעגאַנגען זעהר אַ לאַנגע צייט. דיא געשיכטע איז געווען אין דיא הענד פון דיא גלחים ביז לעצטע יאָהר-הונדערטע.

דיא גייסטליכע היסטאָריקער פלעגען, זעלבסטפער-שטענדליך, בעטראַכטען דיא געשיכטע פון דעם רעליגיעזען שטאַנדפונקט. זיי פלעגען זיך באַשעפטיגען הויפטזעכליך מיט דעם לעבען פון קעניגע, אָבער דיא קעניגע פלעגען זיי בעטראַכטען אלס שליחים פון דעם הימעל, אַלס פערטרע-טער פון גאָט. דיא וועלטליכע היסטאָריקער, וועלכע האָבען מיט דער צייט פאַרנומען דעם פלאַץ פון דיא גייסטליכע היסטאָריקער, פלעגען זיך אין אָנפאַנג אויך באַשעפטיגען הויפטזעכליך מיט דעם לעבען פון קעניגע און גרויסע לייט. זיי זיינען געווען קעניגליכע אָדער הויף היסטאָריקער דער פראָסטער עולם האָט בעקומען אַ פלאַץ אין דער געשיכטע ערשט אין דיזען דעמאָקראַטישען יאָהר הונדערט. ביסלעכוויז

האָט מען אַרויסגעשטופּט פֿון דער געשיכטע דעם הימלישען מאַכער און מען האָט אויף זיין פּלאַץ אַריינגעזעצט די נאַטירליכע און סאָציאַלע אומשטענדען: מען האָט אַוועקגערוקט אין אַ ווינקעלע די געקרוינטע קעפּ און מען האָט אַרויסגערוקט פֿון פֿאָרענט דאָס פֿאָלק און זיינע געניאַלע פֿאָרשטייער.

פֿון וואַנען האָבען זיך גינומען ביאָגראַפֿען?

איהר הערט אַ מאָל, וויא אַ מוטער דערציילט אַנאַנדערער פֿון איהר תכשיט גדול: מיט וואָס פֿאַר אַ צרות זיא האָט איהם געהאַט וויא ער האָט דיא ערשטע עטליכע וואָכען געהאַלטען אין איין הילכען, וויא פֿיעל זיא האָט געליטען פֿון איהם, ביז ביי איהם האָבען זיך אויסגעשניטען דיא ערשטע ציינער, וואָס פֿאַר אַ שקץ ער איז געווען, ווען ער איז געווען אַ אינגעל, וויא ער האָט פֿיינט געהאַט דעם חדר און דעם רבי׳ן, וויא מען פֿלעגט איהם שמייסען אַזוי אַז בלוט פֿלעגט זיך גיסען, וויא מען האָט איהם אַם ענדע אָבגעגעבען אין אַ קלייט, וויא ער האָט חתינה געהאַט פֿאַר מאָטקע ברייגע׳ס אַ טאָכטער און האָט זיך אַליין געפּענט אַ קרעמעל, וויא דער, וואָס לעבט אייביג, האָט איהם געבענשט, און ער האָט שוין יעצט אַכט קינדער און זיין דריטע פֿרוי איז מעוברת מיט דעם ניינטען א. ז. וו. א. ז. וו. אָט דאָס, לעזער, איז דיא ביאָגראַפֿיע אין איהר איינפֿאַכסטע פֿאָרמע.

ווען איהר וועט פֿאַרברייננגען אַ פּאָאָר שטונדען מיט דער בעל הבית׳טע פֿון אייער קוואַטיר (איך קען אַזעלכע לאָדושערס, וואָס קענען זיך ניט זאַט אָנרעדען מיט זייערע לענדלעדיס) וועט איהר זיך דערוויסען, ווער עס וואָהנט אין דעם הויז, פֿון וואַנען יעדער איז געקומען, מיט וואָס ער באַשעפֿטיגט זיך, וויא ער האָט חתונה געהאַט, וויא פֿיעל

מאָל ער האָט זיך שוין צוקריגט מיט זיין פרוי, וואָס פאַר אַ הוט יעדע פרוי האָט, וויא פיעל באָראָדיוועקעס זיא האָט אויף דער האַנט א. ז. וו. א. ז. וו. דאָס, לעזער, זיינען אויך ביאָ־גראַפיען אין זייער איינפאַכסטער פאָרמע. אמת, דיזע ביאָ־גראַפיען שמעקען אַ ביסיל מיט רכילות, אָבער מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסען, ווער דיא ביאָגראַפער זיינען און וועמעס ביאָגראַפיען דאָס זיינען. איך וואָלט אייך איבערהויפט ניט געראַטהען צו גיב־רויכען אין אַזעלכע פעלע דאָס וואָרט רכילות, זאָגט בעסער „ביאָגראַפיע“. ערשטענס, קלינגט עס בעסער, און דאַן וועט זיך קיינער ניט בעליידיגען.

לאָמיר זיך, לעזער, אַריבערקלייבען אויף א ווילע אין דיא אַלטע צייטען. אָט זיינען מיר אין אַ געדיכטען וואַלד. אַרום אַ גרויסען פייער זיצען אַ פאָר דוצען ווילדע חברה לייט. זיי זיינען ניט לאַנג געקומען פון אַ יאַגד. האָבען שוין אָבגעבראָטען זייער פלייש און האָבען עס שוין אויפ־געגעסען. זיי רוהען זיך יעצט אָפּ און פאַרברענגען דיא צייט אין דעם, וואָ זיי דערציילען איינער דעם אַנדערען אַלערליי געשיכטען. הערט זיך צו, וואָס זיי דערצעהלען. דאָס זיינען ניט קיין מעשות, קיין אויסגעטראַכטע זאַכען. זיי דערצעהלען נור פאַקטען, אָדער דאָס, וואָס זיי האַלטען פאַר פאַקטען. יעדער דערצעהלט פון דיא בעריהמטע יעגערס, וועלכע ער האָט אין זיין לעבען געזעהן אָדער פון וועלכע ער האָט גיהערט. איינינע דערציילען פון דיא גרויסע יע־גערס אָדער קריעגס-פיהרער פון זייער שטאָם. זיי רעכענען אויס זייערע גרויסע טהאַטען, זיי בעשרייבען זייערע גרויסע מעלות, זיי דערציילען דיא הויפט-פאַקטען פון זייער לעבען

א. ז. וו א. ז. וו. דאָס זיינען געווען דיא ערשטע ביאָגראַפיען.

ווען אַ קעניג אָדער אַ קריעגס-פיהרער פלעגט צוריק קומען פון אַ גליקליכער מלחמה, פלעגט דאָס גאַנצע פאָלק אַרויסגיין איהם אַנקעגין און פלעגט בעזינגען זיינע העל־דענטהאַטען אין ליעדער, אָדער דערציילען ווי אין פאָעטישע ווערטער, אָדער אויסשרייען ווי אין פייערדיגע רעדען, אָדער פאָרשטעלען ווי אין דראַמאַטישע פאַנטאָמינעס. מ׳ פלעגט בעזינגען, דערציילען, אויסשרייען און פאָרשטעלען ניט נור זיינע לעצטע טהאַטען נאָר אויך דיא פערגאַנגענע טהאַטען זיינע און דיא גרויסע טהאַטען פון זיינע עלטערן און איבער־הויפט מיטגלידער פון זיין פאַמיליע. דער לעזער וויס שוין פון דיא פאָריגע קאַפיטלען, אַז דאָס איז געווען דיא ערשטע מוזיק, דיא ערשטע פאָעזיע און רעדנער-קונסט און דיא ערשטע דראַמע. דער לעזער מוז שוין יעצט פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען דיא ערשטע ביאָגראַפיע.

דיא ביאָגראַפיע האָט זיך אָנגעפאַנגען צו דער זעלבער צייט, וויא דיא מוזיק, דיא פאָעזיע, דיא רעדנער-קונסט און דיא דראַמאַטישע קונסט. דער אינהאַלט פון דיא ערשטע מוזיקאַלע און פאָעטישע ווערקע, פון דיא ערשטע רעדען און פאָרשטעלונגען, איז געווען דאָס לעבען פון גרויסע און בע־ריהמטע פערזאָנען. דיזע אַלע ווערקע זיינען פאָלגליך געוועזן ביאָגראַפיען. איינינע פון דיזע ביאָגראַפיען פלעגט מען זינגען, אַנדערע פלעגט מען דערציילען און נאָך אַנדערע פלעגט מען פאָרשטעלען.

ווען עס איז ענטשטאַנען מיט דער צייט אַ ספּעציעלע קלאַסע פון מוזיקאַנטען, פּאָעטען, רעדנער און שוישפּיעלער, איז דיא ביאָגראַפיע אויך געוואָרען דיא ספּעציאַליטעט פון אַ געוויסער קלאַסע מענשען. און אַזוי וויא דיא ביאָגראַפיע איז אַ לאַנגע צייט געווען ענג פערבונדען מיט דער מוזיק, דער פּאָעזיע און דער רעדנער-קונסט, איז דיא פּראָפעסיאָן פון ביאָגראַפער אויך אַ לאַנגע צייט געווען פערבונדען מיט דיא פּראָפעסיאָנען פון מוזיקאַנטען, פּאָעטען און רעדנער. דיא ערשטע מוזיקאַנטען, פּאָעטען און רעדנער זיינען צו דער זעלבער צייט אויך געווען דיא ערשטע ביאָגראַפען. דער לעזער ווייסט שוין, דאָס אַלע קינסטע זיינען אין אָנפאַנג דורכגעגאַנגען דורך דיא הענד פון גלחים. און אַזוי איז אויך געווען מיט דער ביאָגראַפיע. דיא ערשטע גרויסע ביאָגראַפער זיינען געווען גלחים.

עס זיינען אייגענטליך געווען וועלטליכע ביאָגראַפען אויך, נאָר דיא לעצטע פלעגען זיך באַשעפטיגען נאָר מיט לעבעדיגע פּערזאָנען. יעדער קעניג פלעגט האָבען ביי זיין הויף אַ הויף-ביאָגראַפער, וועלכער האָט בעדאַרפט אין געוויסע פעללע דערציילען דעם פאָלק פון דעם לעבען פון זיין הערר. דאָס זיינען, נאַטירליך, ניט געווען קיינע אונפּאַר־טייאישע ביאָגראַפען.

דערפאַר האָבען אַלע פערשטאָרבענע קעניגע און העל־דען בעלאַנגט צו דיא גלחים. אַ וועלטליכער מענש איז ניט ווערטה גיווען צו זיין ביאָגראַפער פון אַ פערשטאָרבענעם גרויסען מאַן דאָס קען מען ערקלערען דערמיט, וואָס אַלע גרויסע מענגער פלעגט מען פאַרגעטטערן נאָך זייער טוידט.

אין אַלס געטטער האָבען זיי שוין נאַטירליך בעלאַנגט צו דיא גלחים. אַפילו ווען מען פלעגט ניט און גאַנצען פער־געטטערן אַ פערשטאָרבענעם קעניג, פלעגט מען דאָך איממער אַריינמישען אין זיין ביאָגראַפיע אַ ביסעל גאָט׳ס ניסים. און ווען עס האַנדעלט זיך פין ניסים און פון אָפּנאַררען דאָס פאָלק, קען נאַטירליך, קיינער ניט פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון דיא גלחים.

דיא ערשטע ביאָגראַפיען זיינען, זעלבסטפערשטענדליך, געווען מינדליכע, ווייל מען האָט נאָך דאַן ניט געוואוסט פון דער שרייבע-קונסט. זיי זיינען געווען איינפאַכע ערציילונגען פין דעם לעבען פון גרויסע מענער, וועלכע פלעגען איבער־גיין פון איין דור צום אַנדערן. ווען מען האָט ערפונדען דיא קונסט פון שרייבען און עס זיינען ערשינען דיא ערשטע שרייבער, האָט מען דיעזע מינדליכע ערציילונגען פאַרשריבען, אַזוי, וויא מען האָט זיי נאָך דאַמאָלס געדיינקט.

דיא הייליגע תורה אונזערע ענטהאַלט אַ מאַסע ביאָ־גראַפיען. דאָרט האָט איהר דיא ביאָגראַפיען פון אדם׳ן און חוה׳ן, פון אברהם אבינו׳ן, יצחק׳ן, יעקב׳ן, משה׳ן, שמואל׳ן, שאול׳ן, דוד׳ן, שלמה המלך׳ן א. ז. וו. דיעזע ביאָגראַפיען זיינען אין אָנפאַנג געווען מינדליכע: זיי זיינען געווען ער־ציילונגען פון דעם לעבען פון גרויסע מענער, וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען פון איין דור צום אַנדערן און זיינען מיט דער צייט אַלץ מעהר און מעהר געענדערט געוואָרען. יעדער דור האָט צוגעלייגט עפּעס זיינס: יעדער האָט פאַרבעסערט דיא ערציילונגען נאָך זיין פאַנטאַזיע אָדער געשמאַק. ערשט אין דעם אַבטען יאָהרהונדערט פאַר דעם געבורט פון

קריסטוס, ד. ה. אַרום 2700 יאָהר צוריק, האָבען געוויסע „סופֿרים" צוזאַמענגעקליבען אַלע דיעזע מינדליכע ביאָגראַפֿיען און האָבען זיי פֿאַרשריבען. און שפּעטער זיינען זיי אַריין אין דער תורה.

שלאף און חלומות.

מיר שטעלען זיך געוועהנליך פֿאַר דעם גייסט, אַלס אַ מין בריאה וואָס לעבט אינווענינ אין אונז, גאַר אָבגעזונדערט פֿון קערפּער. צו דיזער פֿאָרשטעלונג זענען מיר אַזוי שטאַרק געוועהנט פֿון די קינדערעשע יאָהרען, מיר מיינען אז זי שטאַמט פֿון גאָר אַמאָליגע, אוראַלטע צייטען און איז נאַ־טירליך. די השערה, (דאַס פֿאָרשטעללונג), אַז אין אונז גופֿא עקסיסטירט אַ בריאה וואָס פֿיהלט און דענקט, איז אַזוי צונויפֿגעוועבט מיט אונזערע גלויבונגען און איינגעפֿלאָכטען אין אונזער שפּראַך, אַז מיר קענען זיך כמעט נים פֿאָר־שטעלען, אַז דאָס איז אַזאַ השערה פֿון וועלכער דער אַמאָ־ליגער ווילדער מענש האָט נים געהאַלטען און האָט נים געקענט האַלטען.

און דאָך דאַרף מען נאָר זיך אַליין אַ פֿ־רעג טהון: וואָס גיט דעם אונגעבילדעטען מענשען זיין אייגענע ערפֿאַהרונג? אום צו זעהן, אַז אין דיזער ערפֿאַהרונג איז גאָר נישט דאָ אַזוינס, וואָס זאָל איהם ווייזען, אַז אַזאַ מין בריאה עקסיס־טירט ווירקליך. צו יעדער צייט זעהט ער ארום זיך פֿער־שיעדענע זאַכען, טאַפּט זיי, ריהרט זיי אָן מיט די הענד, לעגט אָדער שטעלט זיי איבער אַהין און אַהער. ער ווייס גאָר נישט וואָס הייסט דאָס: עמפּפֿינדונגען און בעגריפֿע, און האָט קיין ווערטער נים אויסצודריקען דיזע בעגריפֿע. נאָך וועניגער קען ער בעוייצען אַזאַ מין הויכען וואָרט, אָדער

בעגריף, ווי — בעוואוסטזיין. ער דענקט פשוט און בעמערקט גאָר ניט וואָס ער דענקט. און דאַריבער פֿרעגט ער זיך קיין מאָל ניט: ווי אַזוי דענקט ער און וואָס איז דאָס אַזוינס וואָס דענקט אין איהם. זיינע פֿינף חושים ברענגען איהם אין בעריהרונג נאָר מיט די זאַכען וואָס עקסיסטירען אויסער איהם, און מיט זיין אייגענעם קערפּער. פֿון זיין חושים-קרייז טרעט ער אַרוים נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפֿיעל דאָס איז איהם נויטיג אום צו מאַכען קאָנקרעטע *) בעשליסע װעגען די ווירקונגען פֿון דיזע זאַכען. אַזאַ מין בריאה וואָס מען קען ניט זעהן און ניט אָנטאַפּען, ווי מענשען שטעלען זיך שפּעטער פֿאָר דעם גייסט, איז שוין אַ הויכער בעגריף, וואָס זיין מוח קען וועגען דעם ניט דענקען און זיין שפּראַך קען דאָס ניט אויסדריקען.

דאָס אַלץ איז קלאָר און ווערט בעשטעטיגט דורך פֿאַקטען. דער ווילדער קען רעדען וועגען אונעהרליכער בעטראַכטונג ניט אַנדערש ווי מיט ווערטער וואָס דריקען אוים זיין אויסערליכע בעטראַכטונג, דאָס הייסט: די בע־טראַכטונג דורך זיינע פֿינף חושים. מיר אַליין זאָגאַר, ווען מיר זאָגען, אַז מיר זעהען עפּעס אַ זאַך, וואָס ווערט אונז דייטליך ערקלערט, אָדער מיר האַפּען מיט'ן שכל אַ בעווייז, וואָס איז אַזוי ריכטיג, אַז מען קען דאָס, ווי מען זאָגט, אָנטאַפּען מיט די הענד, דריקען מיר אוים די טהעטיגקייט

*) קאָנקרעט הייסט דאָס וואָס בעלאַנגט צו גשמיות, צו דער קערפּער-וועלט, צו דאָס וואָס מען קען ווי מען זאָגט „אָנטאַפּען", בע־בעהמען דורך אונזערע פֿינף חושים.

פֿון אונזער גייסט מיט אַזוינע ווערטער, וואָס מען פֿלעגט אַמאָל ברויכען אויסצודריקען קערפּערליכע טהעטיגקייט. נאָר מיר ברויכען אָט די ווערטער וועלכע מיינען: זעהן אָדער טאַפּען נאָר — בדרך מליצה, וועהרענד דער ווילדער, ווען ער ברויכט זיי, ווייס ניט קיין אונטערשיעד פֿון מליצה צו פּראָסט לשון. פֿיר איהם איז זיין אויג אַ בילד פֿון זיין גייסט.

נאָר אַזוי לאַנג עס עקסיסטירט ניט קיין פֿאָרשטעלונג וועגען גייסט, וויא וועגען אַ אינערליכען יסוד פֿין יעדער טהעטיגקייט, קען אויך ניט עקסיסטירען יענע פֿאָרשטעלונג וועגען חלומות, וועלכע מיר האָבען. ערקלערען זיך דאָס וואָס מען האָט געזעהן, געהערט און געטהון אין שלאָף, אַלס די טהעטיגקייט פֿון עפּעס אַ מין דענקענדע בריאה בשעת די אויסערליכע *) געפֿיהלען זענען פֿערשלאָסען פֿיר דיא אויסדריקע פֿון דער אויסערליכער וועלט, איז גאַנץ אונמעגליך אַזוי לאַנג עס איז נאָך ניט אַנערקענט די עקסיסטענץ פֿון דיזער דענקענדער בריאה. דערפֿון קומט אַרויס דיא פֿראַגע: וואָס פֿיר אַן ערקלערונג ווערט זשע געגעבען דיא חלומות אַזוי לאַנג ווי עס עקסיסטירט נאָך ניט דער בעגריף וועגען גייסט.

הונגער און איבערזעטיגקייט —ביידע זאַכען וואָס טרעפֿען זעהר אָפֿט אין׳ם לעבען פֿון דעם גאָר פֿאָרצייטיגען מענשען — וועקען אין איהם חלומות, וועלכע שטעלען זיך

*) אויסערליכע געפֿיהלען הייסען די פֿינף חושים: זעהן, הערען, פיהלען אַ טעם, שמעקען, טאַפּען. אינערליכע געפֿיהלען הייסען די וואָס קומען פֿון האַרצען, למשל: ליעבען, האַסען, מקנא זיין, און ז. וו.

איהם פֿאַר זעהר לעבעדיג, דער ווילדער מענש יאָגט זיך נאָך אַ חיה, חאַפּט אָבער גאָר נישט: ער האָט שוין לאַנג געהונגערט. אַן אָנגעמאַטערטער פֿאַלט ער אַניעדער אויף דער ערד און ווערט אַנטשלאָפֿען: אין שלאָף (אַזוי דאַכט זיך איהם) יאָגט ער זיך ווידער, אָבער יעצט חאַפּט ער די חיה, הרג׳עט זי, מאַכט זי צורעכט, בראָט זי און... פלוצלונג חאַפּט ער זיך אויף, פּונקט אין דעם אויגענבליק, ווען ער האָט זיך שוין גענומען לעגען אין מויל דעם ערשטען ביסען. ווען מיר זאָלען מיינען, אַז ער וועט זאָגען צו זיך: „דאָס איז אַלץ געווען אַ חלום", הייסט דאָס מיינען, אַז ער קען האָבען די השערה, וועלכע ער קען נאָך ניט האָבען, ווייל ווי מיר האָבען אויבען געזעהן. ער נעהמט אָן די פאַקטען אַזוי ווי זיי פּאַסירען פֿאַר זיינע אויגען. ער געדענקט זעהר קלאָר אַלע זאַכען, וואָס ער האָט געזעהן, און אַלץ וואָס ער האָט אַליין געטהון; און דאָס וואָס דער זכרון ווייזט איהם נעהמט ער אָן פֿיר אַ ווירקליכקייט, אָהן אַ שום צווייפֿעל. אמת, ער געפֿינט זיך אַזוי ווי פֿריהער ליגענדיג רוהיג אויף דער ערד. ער פֿערשטעהט ניט ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט אַט די פֿערענדערונג. נאָר אין דער אַרומיגער וועלט קומען פאָר אָפּט פֿאַר זיינע אויגען אַזעלכע פֿאַקטען. ער זעהט למשל: ווי זאַכען ערשיינען פלוצלונג (די זון, די לבנה, רעגען, שנעע, און ז. וו.) פלוצלונג ווערען זיי ניט. פֿאַר וואָס זשע זאָל דאָס ניט זיין איינע פֿון אָט יענע אונערקלעהרליכע און אונבעגרייפֿליכע פֿערענדערונגען! אַ צווייטען מאָל האָט ער זיך אָנגעגעסען ביז צום ברעכען און ווערט אַנטשלאָפֿען. דאָס איבערעסען זיך האָט געמאַכט אַן אונאָרדענונג אין זיין

בלוט-צירקולאַציאָן און רופט אַרויס ביי איהם שרעקליכע חלומות. ער זעהט זיך אין די נעגעל פון אַ בער, וועלכער האָט זיך אויף איהם אַ־ויפגעוואָרפען: ער וויל זיך אַרויס־רייסען, נאָר ער פיהלט זיך גאַנץ מאַכטלאָז און. . . חאַפּט זיך אויף מיט אַ מורא׳דיגען געשריי. פון וואָס האָט ער געקענט שליסען אין דיזען פאַל, אַז זיין געשריי איז ניט געוועזן אַרויסגערופען פון אַ ווירקליכער געפאַהר? האָטש זיין „סקוואַו" (פרוי) וועלכע ליגט נעבען איהם, קען איהם זאָגען, אַז זיא האָט ניט געזעהן קיין שום בער, דאָך האָט זי געהערט זיין געשריי, און זי, אַזוי ווי ער, האָט זאָגאַר ניט דעם קלענסטען בעגריף דערפון, אַז אַזאַ זאַך קען אַרויסקומען בלויז פון אַ געוויסען צושטאַנר פון זיין איינבילדונגסקראַפט, און זי האָט זאָגאַר קיין ווערטער ניט מיט וועלכע אַזאַ בעגריף זאָל זיך קענען אויסדריקען.

די ערקלערונג פון אַ חלום, אלס אַ פּאַסירונג וואָס האָט זיך ווירקליך פערלאָפען, ווערט נאָך מעהר בעשטעטיגט דורך די ערצעהלונגען וועגען איהם אויף דער אונפאָלקאָמענער שפראַכע פון דעם מענשען וואָס האָט געלעבט אין דער גאָר אַמאָליגער וועלט. מיר פאַרגעסען אימער, אַז דאָס וואָס פיר אונז איז לייכט צו אונטערשיידען איז גאַנץ אונמעגליך פיר יענע, וועלכע בעזיצען בלויז אַ שפּראַכע פון עטליכע ווערטער וואָס האָבען אַלע אַ קאָנקרעטע בעדייטונג, און האָבען בלויז גראָבע גראַמאַטישע פאָרמען צו פעראייניגען דיזע ווערטער און זעצע. ווען מיר לעזען, אַז אויף דער שפּראַכע פון דיא אַלטע פּערואַנער, (פּערו—אַ לאַנד אין זיד אַמעריקא). אַ פּאָלק, וואָס איז בערך גאַנץ הויך ענטוויקעלט, האָט דער

וואָרט „הואַקאַ" בעדייטעט: אי גאָטט, אי טעמפעל, אי גלאָט אַ הייליגער אָרט, אי אַן אָרון, אי אַ בילד פֿון אַ מענשען אין פֿון חיות, אי אַ בערגעל — טו קענען מיר זיך פֿאָר־שטעלען, ווי ניט קלאָר האָבען געדאַרפֿט זיין יענע אויסדריקע וועלכע דער אונפֿאָלקאָמענער ווערטער בוך פֿון די אונ־ענטוויקעלטע מענשען האָט זיי ערלויבט צונויפֿצושטעלען. און ווען מיר לעזען וועגען די הייגטיגע זיד-אַמעריקאַנישע שבטים, אַז אַזאַ זאַץ, צום ביישפיעל, ווי: „איך בין אַ עביפֿאָן" קען ביי זיי ווערען אויסגעדריקט אין אַזאַ אונבעשטימטער פֿאָרם, ווי: „איך—עביפֿאָן", איז אונמעגליך, אַז מיר זאָלען ניט קומען צום שלום, אַז ביי אַזעלכע אונענטוויקעלטע גראַמאַטישע פֿאָרמען, קענען ריכטיג איבערגעגעבען ווערען בלויז די איינפֿאַכסטע גערדאַנקען. וויטער, ווייסען מיר, אַז ביי נידריגערע מענשליכע ברואים, אויסער דעם וואָס דיא ווערטער אַליין זענען ניט פּינקטליך און ווערען פֿערבונדען צווישען זיך ניט בעשטימט, ווערען זיי נאָך אויסגעדריקט אויף אַ אונפֿאָלקאָמאָנער וויזע, ווי צום ביישפיעל ביי דעם שבט „אַקאַ", וועלכען דער געלעהרטער רייזענדער שווינפֿורט האָט בעזוכט. דיזער שבט האָט אַ שפּראַכע, וואָס מען קען ניט אונטערשיידען אין איהר ניט דיא בוכשטאַבען, ניט די ווערטער. און דאָס איז די דריטע אורזאַכע, וואָס ביי די ווילדע שטאַמען איז אַ צומישענעס פֿון די בעגריפֿע. נאָך דעם אַלעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרען, דאַרף שוין ביי אונז גאָר קיין וואונדער ניט זיין, ווען מיר ערפֿאַהרען, צום ביישפיעל אַז דער אינדישער שטאָם „צוני" מוז מאַכען מיט׳ן געזיכט אַ סך מינעס און בעוועגינגען מיט׳ן גאַנצען קערפּער, אום

צו מאַכען וייערע פּראַזען פּאָלקאָם פערשטענדליך דעם צוויימען; אָדער אַז די בושמענער (אַזאַ ווילדער שטאַם אין זיד-אַפריקאַ) בשעת זיי רעדען, דערמאַכען זיי אַזוי שטאַרק מיט דיא הענד און מיט'ן קערפּער, אום קלאָר צו מאַכען וואָס זיי ווילען אייסדריקען, אַז מען קען זיי ניט פערשטעהן אין דער פינסטער, און אַז דער שבט אַראַפּאַגאַסען קענען כמעט ניט רעדען איינער מיט דעם אַנדערן אין דער פינסטער. אַז מיר וועלען גערענקען דאָס אַלץ און וועלען זיך יעצט שטעלען די פראַגע, וואָס דאַרף אַרויסקומען פון דעם ווילדען'ם ער־צעהלונג וועגען דעם וואָס ער האָט געזעהן אין חלום, וועלען מיר זעהן, אַז ווען אַפילו מיר זאָלען צולאָזען א השערה, אַז ער איז יע חושד עפּעס אַ מין אונטערשיעד צווישען ווירקליכע האַנדלונגען און אַזעלכע וואָס קומען פאַר בלויז אין דער פאָרשטעלונג, וועט ער דאָך ניט זיין אין שטאַנד אויסצודריקען דיזען אונטערשיעד, זיין שפּראַכע גיט איהם ניט די מעגליכקייט צו זאָגען: „איך האָב געזעהן אין חלום" אַנשטאַט „איך האָב געזעהן", דאַריבער דערצעהלט ער זיינע חלומות אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען ווירקליכע פּאַסירונגען. און אויף אַזאַ אופן פערשטאַרקט ער אין יעדען ווילדען מיט וועלכען ער רעדט, דעם גלויבען, אין דעם, אַז זיינע אייגענע חלומות זענען ווירקליכע פּאַסירונגען.

וואָס פאַר א בעגריף זשע קען אַרויסקומען אַלס פּועל יוצא פון דעם אַלעם? לויט דער אויסערליכער בעטראַכטונג איז דער שלאָפענדיגער געלעגען אויף איין אָרט. אויפכאַ־פענדיג זיך, דערמאָהנט ער זיך פערשיעדענע פּאַסירונגען און דערצעהלט זיי פאַר אַנדערע. ער מיינט אַז ער איז

געיזען אין אַן אנדער פּלאַץ. די צוהערער לייקענען דאָס און זאָגען, אַז ער איז געווען דאָ. זייער עדות בעשטעטיגט זיך אין זיינע אויגען דורך דעם וואָס ער האָט זיך פּלוצלונג געפינען דאָרטען, וואו ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען. דער איינפאַכסטער אויסוועג פון דיזער שוויריגקייט בעשטעהט אין דעם, אַז מען זאָל אַנערקענען, דאָס אי ער איז צו דער־זעלבער צייט געווען דאָ, אי ער האָט געבלאָנדזשעט ערגעץ אין אַנדערע ערטער; דאָס הייסט, אַז ער האָט צוויי „איך", פון וועלכע איינער פערלאָזט צייטענווייז דעם אנדערן, נאָר ער קומט דערנאָך צוריק. דאָס הייסט ער גלויבט אַז ער אויך, אַזוי ווי פיעלע אַנדערע זאַכען, האָט אַ צווייענדיגע עקסיס־טענץ.

פון אַלע עקען וועלט האָבען מיר א בעוויז, אַז דאָס איז ווירקליך די זעלבע פאָרשטעלונג, וועלכע די ווילדע מאַכען זיך וועגען חלומות, און אַז דיזע פאָרשטעלונג האַלט זיך נאָך אַלץ אַפילו נאָך דעם ווי די מענשהייט דערגרייכט שוין אַ היבשען פאָרטשריט אין דער ציוויליזאַציאָן. אָט זע־נען איינינע בעווייזע וועלכע ווייזען די ריכטיגקייט דערפון:

סוואַלקראַפט, דערצעהלט אַז דיא נאָרד-אַמעריקאַנישע אינדיאַנער בכלל דענקען, אַז דער מענש האָט צוויי נשמות; איינע בלייבט אימער אין קערפער און די אַנדערע קען זיך לאָזען פריי אויף פערשיעדענע רייזען בשעת איהר בעל הבית שלאָפט. די אינדיאַנער פון גרענלאַנד (אַ אינזעל אין צפון פון נאָרד אַמעריקאַ), לויט דער רייזענדער קראַנץ בעהויפ־טעט, גלויבען, אַז די נשמה קען פערלאָזען דעם קערפער ווערענד אַ מענש שלאָפט. די איינוואָהנער פון דעם אינזעל

ניי-זעעלאַנד (אין אויסטראַליען) גלויבען, אַז בשעת שלאָף פערלאָזט דער גייסט דעם קערפער, און אַז חלומית זענען יענע געגענשטענדע וועלכע ער זעהט בשעת זייגע וואַנדערונגען. די ווילדע פון דעם אינזעל פידזשי גלויבען אַז דער גייסט פון אַ מענשען, ווען ער (דער מענש) לעבט נאָך, קען פערלאָזען דעם קערפער און בעאונרוהיגען אַנדערע מענשען, בשעת יענע שלאָפען. דאָס זעלבע קען מען אויך בעטראַכטען אויף דעם אינזעל באָרנעאָ (אין דרום אַזיען), די דאַיאַקען— אַ שבט וואָס לעבט אויף דיזען אינזעל, זענען איבערצייגט, אַז בשעת שלאָף, לאָזט זיך די נשמה אויף דייזען, אַליין, אָהן דעם קערפער: אויף דיזע רייזען זעהט זי, און הערט, און רעדט. צווישען די בערג-שבטים פון אינדיען, ווי צום ביישפיעל, ביי דעם שטאַם קאַרענער בעגעגענען מיר די-זעלביגע לעהרע. זיי בעהויפטען, אַז אין דער צייט פון שלאָף געהט „לאַ" (דער גייסט, די נשמה) אַוועק אין עק וועלט, און אונזערע חלומית זענען דאָס וואָס ער זעהט אין לעבט דורך אויף זיינע וואַנדערונגען. זאָגאַר די פערצייטיגע איינוואָהנער פון פערו (אַ מדינה אין זיד-אַמעריקאַ) האָבען אויך אויף אַזאַ אופן ערקלערט די דאָזיגע פאַקטען, און די פע-רואַנער זענען געווען, ווי בעוואוסט, אַ פאָלק מיט אַ היבש ענטוויקעלטען געזעלשאַפטליכען לעבען. זיי האָבען געמיינט אַז די נשמה פערלאָזט דעם קערפער בשעת שלאָף. זיי האָבען בעהויפטעט, אַז די נשמה קען ניט שלאָפען, און אַז אונז חלום'ט זיך דאָס, וואָס די נשמה זעהט אויף דער וועלט אין דער צייט, ווען דער קערפער שלאָפט. מען דערצעהלט אונז דאָס זעלבע אויך וועגען יודען: זיי קוקען אויפ'ן שלאָף, ווי

אויף אַ מין טויט, ווען די נשמה וואַרפֿט אַוועק איהר קערפּער נאָר ביין אויפֿכאַפּען זיך קומט זי צו איהם צוריק.

ווי זעלטען עס קומען ניט פֿאָר די צופֿאַלען פֿון נאַכט־וואַנדלונג, נאָר עס איז זעהר מעגליך, אַז יעדעס מאָל ווען אַזאַ צופֿאַל טרעפֿט זיך, פֿערשטאַרקט ער נאָך מעהר דעם גלויבען פֿון דעם גאָר אַמאָליגען מענשען אין דיזער ער־קלערונג. דען פֿאַר אַ אונענטוויקעלטען גייסט איז דער נאַכט־וואַנדלער, דאָס הייסט דער מענש וואָס געהט אום אין שלאָף, אַ לעבעדיגער ביישפּיעל פֿון דעם ווי דער מענש פֿון דער גאָר פֿאַרצייטיגער וועלט, שטעלט זיך פֿאָר די חלומות. דערביי גיט יעדער אופֿן פֿין נאַכטוואַנדלונג אַ בעזונדער בעשטעטיגונג דיזען אור-אַלטען בעגריף. אָפֿט מאָל טרעפֿט, אַז דער שלאָפֿעדיגער שטעהט אויף פֿון זיין געלעגער, טהוט פֿערשיעדענע מלאכות און דערנאָך געהט ער צוריק אויף זיין געלעגער שלאָפֿען, ניט ערוואַכענדיג אויף איין אויגענבליק. שפּעטער, ווען ער דערמאַהנט זיך אויף דיזע מלאכות וואָס ער האָט געטהון אין זיין נאַכט וואַנדלונג, הערט ער פֿון עדות, אַז ער האָט ווירקליך געטהון דאָס וואָס איהם האָט זיך געחלום'ט: ווי קען זיך ערקלערען דער גאָר אַמאָליגער מענש אַזאַ פֿאַקט? דיזער פֿאַקט בעווייזט דעם נאַכטוואַנדלער, אַז ער קען אַוועק און פֿיהרען אַ טהעטיגען לעבען בשעת ער שלאָפֿט און פֿון דעסטוועגען, ווען ער כאַפּט זיך אויף געפֿינט ער זיך אויף דעמזעלבען פּלאַץ, וואו ער האָט זיך געלעגט. וואָס אַנבעלאַנגט די וואָס האָבען איהם געזעהן בשעת זיין נאַכטוואַנדלונג, בעווייזט זיי אויך דיזער פֿאַקט בעשיינפּערליך, אַז מענשען געהען ווירקליך אַוועק אין שלאָף,

אַז זיי טהוען ווירקליך דאָס וואָס זיי האָט זיך געחלום'ט, און אַמאָל קענען דאָס אויך זעהן אַנדערע מענשען. אמת, אַז מען זאָל דעם פֿאַקט בעסער בעטראַכטען, קען מען דאָך זעהן, אַז דעם שלאָפֿענדיגען'ס קערפּער איז ניט געווען אויף זיין געלעגער, בשעת זיין נאַכטוואַנדעל. נאָר די ווילדע לאָזען זיך ניט אין וויטע חקירות. אַז מיר זאָלען זיך ווענדען צו די פֿאַלען, ווען דער נאַכטוואַנדלער געדענקט גאָר נישט דערפֿון וואָס ער האָט געטהון, וועלען מיר געפֿינען, אַז דאָ עקסיס־טירט פֿון דעסטוועגען דאָס עדות זאָגען פֿון אַנדערע, וועלכע וועלען איהם בעווייזען, אז בשעת ער האָט געשלאָפֿען איז ער ניט געלעגען אויף איין אָרט: און אין איניגע פֿאַלען האָט ער נאָך בעסערע בעוויזע. עס טרעפֿט אַ מאָל, אַז שפּאַ־צירענדיג אַזוי אין שלאָף שטויסט זיך דער שלאָפֿענדיגער אָן אָן אַ זאַך וואָס שטערט איהם און דאַן כאַפּט ער זיך אויף. אין אַזאַ פֿאַל בעקומט ער אַליין אַ קלאָרען בעוויז דערפֿון וואָס מען האָט דערצעהלט וועגען איהם אַליין, נעמליך; אַז ער געהט אום אַהין און אַהער בשעת ער שלאָפֿט. עס פֿער־שטעהט זיך, אַז, ווען ער קומט צוריק אויף דעם פּלאַץ, וואו ער איז אַנטשלאָפֿען געוואָרען, געפֿינט ער דאָרטען ניט זיין צווייטען „איך", נאָר דיזע ענטדעקונג, וועלכע שטימט ניט מיט זיין בעגריף וועגען זיינע צוויי „איך", מאַכט נאָר אָן אַ גרעסערען פּלאָנטער אין זיינע אידעען איבער אָט דעם גע־גענשטאַנד. אַזוי ווי ער האָט ניט די מעגליכקייט אָבצולייקענען די עדות, אַז ער האָט אומגעבלאָנדזשעט אין שלאָף, נעהמט ער אָן דיזע עדות אַלס בעשטעטיגונג פֿון דעם אַנגענומענעם גלויבען וועגען חלומות: און דאָס וואָס בינדט זיך עפּעס ניט

אַזוי שטאַרק האַלט האָט איהם פֿון דעסטוועגען ניט אָב פֿון צו גלויבען גלייך מיט אַלעמען.

אַז מיר וועלען בעקלערען, וואָס אַ פֿאָלקסלעגענדע, וועלכע שטרעבט אימער צו גוזמאות איז פֿעהיג צו מאַכען פֿון דיזע אוננאָרמאַלע ערשיינונגען, וועלען מיר איינזעהן, אַז די גאָר פֿאַרצייטיגע ערקלערונג פֿון חלומות דאַרף אין דיזע ערשיינונגען בעקומען פֿיר זיך זעהר אַ שטאַרקע אונטערשטיצונג.

צוואַמען מיט'ן גלויבען אין דעם, אַז אַלץ וואָס מען האָט געזעהן אין חלום, האָט באמת פּאַסירט אין דער ווירקליכקייט, עקסיסטירט, פֿערשטעהט זיך, אויך אַ גלויבען, אַז דער מענש האָט זיך ווירקליך בעגעגענט מיט יענע פּערזאָנען, וועלכע ער האָט געזעהן אין חלום. ווי באַלד דער שלאָפֿעדיגער דענקט וועגען זיינע אייגענע האַנדלונגען אין חלום, אַז דאָס זענען געווען ווירקליכע פּאַסירונגען, האָט אַלץ ביי איהם אַ ממשות, וואָס ער האָט דערביי געזעהן: ערטער, זאַכען אין לעבעדיגע ברואים. דערמיט ערקלערט זיך אַ גאַנצע גרופּע פֿאַקטען וועלכע זענען אויך אַזוי פֿערשפּרייט, ווי יענע וועלכע מיר האָבען בעטראַכט פֿריהער.

מאָרגאַן *) בעהויפּטעט, אַז די איראָקעזען **) נעהמען

---

*) דער בעריהמטער רייזענדער און פֿאָרשער פֿון די נאָרד-אַמעריקאַנישע שבטים.

**) איינער פון די מעכטיגסטע אַמאָליגע שבטים אין נאָרד-אַמעריקאַ.

אין א חלום, ווי א ווירקליכען פאקט און געהארכען די בע־פעהלע וואס זיי האבען בעקומען אין חלום, דאס הייסט זיי ערפילען דאס וואס עס הייסען זיי די מענשען, וועלכע זיי האבען געזעהן אין הלום. און וועגען דעם שבט „טשיפעוואזען" זאגט דער רייזענדער קיטינג, אז זיי פאסטען מיט א כוון אום ארויסצורופען חלומות, וועלכע זיי שעצען העכער ווי אלץ אויף דער וועלט. לויט ווי עס דערצעהלט דער רייזענ־דער דרורי, האבען די מאלאגאסען צו די חלומות א רע־ליגיעזע אכטונג, און זיי דענקען אז צו זיי ווייזט זיך, בשעת זיי טרוימען, א גוטער גייסט . . . און דערצעהלט זיי אין חלום, וועו זיי דארפען טהון דאס אדער יענעס און פערהיטען זיי אויך פון פערשיעדענע געפאהרען. די ווילדע פון דיא סאנדוויטש אינזלען אין אויסטראליען דענקען, אז דער פער־שטארבענער מיטגליעד פון דער פאמיליע קומט אמאל צו חלום צו די לעבעדיגע און בעשיצט זיי פון אונגליקען. דאס זעלבע דערצעהלט מען אונז וועגען די בעוואהנער פון דיא אינזלען טאיטי (אין אויסטראליען) אז זיי גלויבען, אז דעם געשטארבענעם'ס גייסט בעזוכט צייטענווייז די לעבעדיגע קרובים און פריינד אין חלום. אין אפריקא זעהען מיר דאס זעלבע: די נעגערס פון דעם שטאט קאנגא מיינען אז אלץ וואס זיי הערען און זעהען אין חלום, קומט דאס פון דיא גייסטער. און וועגען די שבטים פון מזרח אפריקא זאגט מען אויך אז זיי גלויבען, דאס די נשמות פון די טויטע קומען צו די לעבעדיגע אין חלום. די קאפערס *) זאגען אויך, אז

*) א שווארצער נעגער-שטאם אין זיד-אפריקא.

די חלומות קומען פֿון די גייסטער. אַ מאַסע עהנליכע פֿאַקטען ברענגט דער בישאָף קאַטוויאָ וועגען דעם שבט זולו, וועמעס אידעען ער האָט פֿערשריבען פֿון זייערע אייגענע ווערטער, אַבוואָהל אָט די נעגערס זענען בערך גייסטיג ענטוויקעלט: אַבוואָהל זיי האָבען דערגרייכט אַ געוויסען פֿאָרטשריט אין זייער געזעלשאַפֿטליכען צושטאַנד, און זיי בעזיצען אַ שפּראַך, וועלכע מאַכט זיי פֿעהיג צו אונטערשיידען די איינדריקע וואָס זיי בעקומען אין חלום פון די איינדריקע וואָס זיי בע־קומען אין וואַכעדיגען צושטאַנד, פֿון דעסטוועגען געפֿינען מיר ביי זיי אין אַלגעמיין אַ פֿערשפּרייטען גלויבען, אַז די מענשען וואָס זיי זעהען אין חלום עקסיסטירען אין דער ווירקליכקייט. פֿון דער מאַסע ביישפּיעלען וואָס ער ברענגט, קלויב איך אויס די ערצעהלונג, וואָס איינער פֿון דיזע נעגער האָט איבערגעגעבען וועגען דעם ווי איהם פּלאָגט זיין ברו־דערס גייסט. ער זאָגט צו זיינע שכנים:

„איך האָב ווידער געזעהן מיין ברודער, זיי פֿרעגען איהם: וואָס זשע האָט דער ברודער איהם געזאָגט, ענטפֿערט ער: מיר האָט זיך געחלום׳ט אַז ער האָט מיך געשלאָגען און האָט דערביי געזאָגט: וואָס, דו האָסט שוין גאָר אויפֿגעהערט צו וויסען, אַז איך עקסיסטיר אויף דער וועלט? איך האָב איהם געענטפֿערט מיט אָט די ווערטער: אַבוואָהל איך וויים און געדענק דיך, אָבער ווי אַזוי קען איך מאַכען, אַז דו זאָלסט זעהן, אַז איך קען דיך. איך וויים אַז דו ביזט מיין ברודער. ווי איך האָב דאָס נאָר אויסגערעדט, האָט ער מיר באַלד געענטפֿערט מיט אַזאַ פֿראַגע: און פֿאַר וואָס זשע, ווען דו ברענגסט אַ קרבן אַן אָקס רופֿסט דו מיך ניט אָן ביי מיין נאָמען? אויף דעם האָב איך איהם געענטפֿערט: „איך רוף צו דיר שטענדיג און לויב דיך מיט אַלע דיינע רוהם און לויב נעהמען, רוף מיר אָן חאָטש איין בהמה וואָס איך האָב געשאָכטען, און דערביי דיין נאָמען ניט דערמאָהנט. אָט האָב איך ניט לאַנג געשאָכטען אַן אָקס און האָב דערמאָהנט דיין נאָמען: דערנאָך האָב איך געשאָכטען אַ בהמה און האָב ווייטער גערופֿען דיין נאָמען. ער האָט מיר דאַרויף געענטפֿערט: „איך וויל פֿלייש". איך האָב איהם ענטזאַגט. ניין ברודער, — זאָג איך — איך האָב מעהר ניט, אַפֿילו איין בהמה ניט, געה טהו אַ קוק אין שטאַל, אויב דו וועסט דאָרטען חאָטש עפּעס געפֿינען. זאָגט ער צו מיר: "אויב דאָרטען איז דאָ חאָטש איין בהמה, פֿערלאַנג איך זי פֿיר מיך". אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, האָב איך געפֿיהלט אַ וועהטאָג אין זייט" און ז.וו.

חאָטש דיזע גאַנץ קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגען דעם פער־שטאַרבענעם ברודער, אַלס וועגען אַ לעבעדיגען מענשען, וועלכער פֿאָדערט מען זאָל איהם געבען פלייש און גיט קלעפּ דערפֿאַר וואָס מען ערפילט ניט זיין וואונש, איז אַזוי וויט פֿון אונזערע אייגענע בעגריפֿע, אַז דאָס שיינט אונז כמעט אַ אונמעגליכע זאַך, פֿון דעסטוועגען וועלען מיר גאָר קיין שום צווייפֿעל ניט האָבען אין דער מעגליכקייט דערפֿון, אַז מיר וועלען זיך דערמאָהנען, ווי וועניג עס איז דער אַונטערשיעד צווישען דיזער פֿאָרשטעלונג און די גלויבונגען פֿון די אַלטע ציוויליזירטע ראַסען. אַז מיר עפֿענען דעם צווייטען בוך „איליאַדאַ" *), געפֿינען מיר, אַז דער חלום וואָס דער גאָט יופיטער האָט אָנגעשיקט אויף די גריכען, כדי צו פֿערבלענ־דען זיי, ווערט בעשריבען ווי אַ ווירקליכע פערזאָן, וועלכע בעקומט פֿון יופיטערן עצות, וואָס ער זאָל זאָגען דעם שלאָ־פֿעדיגען אַגאַמעמנאָן **). אויף דעם זעלבען אופֿן איז פּאַ־טראָקלעס נשמה געקומען צו אַכילעס, עהנליך צו דעם פֿערשטאָרבענעם אין אַלע ברעקעלעך, און האָט איהם געזאָגט: זיי מיך גיכער מקבר, כדי איך זאָל קענען דורכגעהן דורך די טויערן פֿון „אַיד" (גיהנם). אַז ער האָט זי אָבער געוואָלט חאַפּען, איז זי צושוואומען ווי אַ רויך מיט אַ שאַרפֿען גריל־צעדיגען געשריי. דערביי האָט אַכילעס אָנגענומען דיזע

*) דאָס בעריהמטע בוך פֿון די אַלטע גריכען, וואָס ווערט צו־געשריבען, צוזאַמען מיט דעם אַנדער בעריהמטע בוך אָדיסעיאַ, דעם אַלטען בלינדען גריכישען דיכטער האָמער: אַמין גריכישע ביבעל.

**) אַגאַמעמנאָן, פּאַטראָקלעס, אַכילעס — זענען נעמען פֿון דיא האַלב-געטער, דיא העלדען פֿון דיזען בוך.

ערשיינונג פֿיר אַן אמת׳ע ווירקליכקייט, און פֿאַטראָקלעס בעד־פֿעהל האָט ער זיך געהאַלטען פֿערפֿליכטעט צו ערפֿילען. אין יודישע ספֿרים לעזען מיר עהנליכע זאכען. אַז די מענשען זענען שוין געוואָרען ציוויליזירט, האָט דער גלויבען אין חלומות אַלס ווירקליכע פּאַסירונגען, דאָך פֿערלאָרען דעם באָדען זעהר לאַנגזאַם, אַז אַפֿילו יעצט נאָך האַלטען זיי זיך, ווי מיר זעהען דאָס פֿון די געשיכטען וואָס ווערען אָפֿט דערצעהלט וועגען מענשען, וואָס קומען צו חלום, אין דעם מאָמענט ווען זיי שטאַרבען, צו זייערע קרובים, וועלכע געפֿינען זיך ווייט פֿון זייער טויטענבעט, און ווי מיר זעהען דאָס אויך פֿון די אַבערגלויבען פֿון די ספּיריטער, דאָס הייסט דיא וועלכע גלויבען, אַז מענשען קענען האָבע פֿערבינדונגען מיט גייסטער.

און באמת, אַז מיר דערמאַהנען אָט די ספּיריטער, דאַרפֿען מיר נאָר זיך פֿאָרשטעלען, אַז מיר האָבען פֿערלאָרען אונזער ציוויליזאַציאָן — אָננעהמען אַז אונזער׳ע פֿעהיגקייט זענען קלענער געוואָרען, אונזער קענטנים איז פֿערלאָרען געגאַנגען, אונזער שפּראַך איז געוואָרען דונקעל און אונ־בעשטימט, און קריטיק און ספקות — זענען ניט דאָ. דאַן וועט אונז זיין לייכט צו פֿערשטעהן, אַז דער פֿאָרהיסטאָ־רישער מענש האָט געמוזט אָננעהמען די פערזאָנען, וואָס ער האָט געזעהן אין חלום, — און וואָס מיר האַלטען זיי פֿיר געדאַנקענבילדער, — פֿיר פערזאָנען וואָס עקסיסטירען אין דער ווירקליכקייט, מיט אַן אמת.

דיזע גלויבונגען וועגען חלומות שפּיגלען זיך אָב אויך אויף אַנדערע גלויבונגען פֿון דעם גאָר אַמאָליגען מענשען.

דיזע אונריכטיגע גרונדפֿאָרשטעלונגען בעשאַפֿט ניט נאָר אַ גאַנצע סיסטעם פֿון ניט ריכטיגע אידעען, נאָר זי דערלאָזט ניט מען זאָל האָבען צוטרויען צו אמת'ע אידעען וואָס דיא אָנגעקליבענע ערפֿאַהרונגען שאַפֿען ביי מענשען אין שייכות צו דער אַרומיגער נאַטור.

דען אַז די פּאַסירונגען וואָס שטעלען זיך פֿאָר אין חלום ווערען אָנגענומען פֿיר אמת'ע פּאַסירונגען: אַז דער סדר פֿון די ערשיינונגען וואָס ווייזט זיך אין שלאָף ווערט אָנגענומען פֿיר אַווירקליכען, טאָ ניט שוין זשע קען דאָס בלייבען אָהן אַ ווירקונג אויף די פֿערהעלטנים פֿון מענשען צו דעם סדר פֿון די ערשיינונגען, וועלכע ער בעטראַכט אַרום זיך, בשעת ער וואַכט? עס איז קלאָר אַז די פּשוט'קייט פֿון דעם סדר ווי אַזוי די ערשיינונגען קומען פֿאָר אין טעג-ליכען לעבען, וואָס מאַכט זעהר לייכט דאָס צוקוקען זיך צו זיי (צו די ערשיינונגען) ווייל זיי ווידערהאָלען זיך טאָג טעג-ליך, קען ניט אַרויסרופֿען יעצט אין דעם מענשען דעם געפֿיהל פֿון יענעם פֿאָלקאָמענעם צוטרויען צו איהם (צו דעם סדר), וועלכע זיי וואָלטען קענען אַרויסרופֿען, אַליין פֿאַר זיך: זיי קענען ניט, ווייל אין חלום קומען די ערשיינונגען ניט פֿאָר מיט אַזאַ איינפֿאַכקייט און שטענדיגקייט, ווי אין וואַ-כיגען צושטאַנד. בוימער און שטיינער, ווען מען זעהט זיי אויפֿ'ן וואָהר, לאָזען זייער פּלאַץ ניט אַנדערע געגענשטענדע. איבערהויפּט זאַכען בייטען זיך ניט, פֿערשווינדען ניט ווי דאָס פּאַסירט אין אַ פּאַנאָראַמאַ; ביי נאַכט אָבער, ווען מען מאַכט צו די אויגען, קומט עס יע פֿאָר. אַ מענש אויפֿ'ן וואָהר, ביי העלען זונענשיין, האָט זיך נאָך קיין מאָל ניט פֿערוואַנדעלט

אין עטוואָס אַנדערש: אין חלום אָבער טרעפֿט אָפֿט אַז דעם וואָס מיר האָבען נאָר וואָס אָנגענומען פֿיר איינעם פֿון אונ־זערע חברים, ווערט פלוצלונג פֿערוואַנדעלט אין אַווילדע חיה, וועלכע וויל אונז צורייסען: אָדער דאָס וואָס האָט אונז מיט אַ מינוט פֿריהער זיך אויסגעוויזען פֿיר אַ פֿרישע לע־בעדיגע טייכעל, ווערט פלוצלונג פֿערוואַנדעלט אין אַ קופּע קראָקאָדילען און שלאַנגען. אויפֿ'ן וואָהר קען זיך אַ מענש אויפֿהויבען פֿון דער ערד בלויז אונטערשפּרינגענדיג אויף איינציגע פֿוס: אין חלום אָבער פֿיהלט ער זיך פֿעהיג צו פֿליהען זעהר לייכט און טראָגען זיך אין דער לופֿטען איבער אונגעהייער ווייטע שטרעקען, אויף אַזאַ אופֿן זענען די ערפֿאַהרונגען, וואָס מען שעפּט פֿון די חלומות, תמיד סותר די ערפֿאַהרונ־גען וואָס מען לעבט איבער דורכ'ן טאָג, און מאַכען בטל ומבוטל דאָס וואָס מען לערענט פֿון די בייטאָגיגע ערפֿאַה־רונגען. אָדער ריכטיגער וואָלט געווען צו זאָגען, אַז די חלו־מות בעשטעטיגען די טעות'דיגע בעשליסע, צו וועלכע עס ברענגען איינציגע פֿון די בייטאָגיגע ערפֿאַהרונגען, אַנשטאַט צו פֿערשטאַרקען די ריכטיגע בעשליסע. דען דאָס וואָס זאַכען ווערען און פֿערשווינדען פלוצלונג אין חלום, בעווייזט דען דאָס ניט ווי פֿיעל פֿאַקטען, וועלכע מען בעטראַכט אויפֿן וואהר, אַז זאַכען, קענען אויף אַ אונבעגרייפֿליכען אופֿן, איבערגעהן פֿון אַ צושטאַנד, ווען מען זעהט זיי אין אַ אַנדער צושטאַנד, ווען מען זעהט זיי ניט, און פֿערקערט? און אָט די אַלע איבערקעהרענישען וואָס קומען פֿאָר אין אונזערע חלומות, שטימען זיי דען ניט מיט יענע אַנדערע איבערקעהרענישען, ווירקליכע אָדער שיינבאַרע, וועלכע דער גאָר אַמאָליגער

מענש בעגעגענט אויפ׳ן וואָהר און וועלכע מאַכען איהם גלויבען, אַז יעדע זאַך קען ווערען פֿערוואַנדעלט אין אַן אַנ-דערע? ווען אַ שטיין, וואָס ער הויבט אויף אין חלום, ווערט אין זיינע הענד פֿערוואַנדעלט אין אַ לעבעדיגע זאַך, האַר-מאָנירט דען דאָס ניט מיט אַנדערע פֿאַקטען וואָס ער זעהט אויפ׳ן וואָהר, ווען ער געפֿינט צום ביישפּיעל פֿיגורען וואָס זענען האַ־ט ווי שטיין און האָבען די פֿאָרם פֿון לעבעדיגע ברואים? אויפ׳ן וואָהר קומט איהם פֿאָר צו זעהן אַזעלכע פֿערוואַנדלונגען, ווי: פֿון אַ וואָרעם ווערט פלוצלונג אַ מאָ-טילקע מיט פֿליגעלעך: פֿון אַ וואַסער-מולטעריל — אַ זשאַבע און דאָס גלייבען, פֿאַר וואָס זשע זאָל ער זיך וואונדערען ווען פֿון אַ טיגער ווערט אין חלום פלוצלונג אַ מענש, אָדער פֿון בלעטער ווערין פֿויגלעך?

דערפֿון איז קלאָר, ווען מען נעהמט אָן די פּאַסירונגען אין חלום פֿיר ווירקליכע, ווערען דערפֿון שטאַרקער די עהנ-ליכע ניט ריכטיגע פֿאָרשטעלונגען, וועלכע קומען אויף אַן אַנדער וועג. דער שאָדען פֿאַר׳ן מענשענס ענטוויקלונג איז אַ צווייענדיגער. עס ווערט בטל דער צוטרויען צו דיא ערפֿאַהרונגען אויפ׳ן וואָהר, פֿון וועלכע מען וואָלט קענען אַרויסנעהמען ריכטיגע איבערצייגונגען, און עס ווערען פֿער-שטאַרקט יענע ערשיינונגען אויפ׳ן וואָהר, וועלכע ברענגען צו ניט ריכטיגע איבערצייגונגען.

יעצט וועט זיין דייטליך, אַז די פֿאָרשטעלונג פֿון דעם גאָר אַמאָליגען מענשען וועגען דעם עצם חלום און פֿון וואַנען ער שטאַמט, איז אַ גאַנץ נאַטירליכע פֿאָרשטעלונג. ווי עס

איז געזאָגט געוואָרען אויבען, ווייזען זיינע בעגריפֿע אונז אויס זאָנדערבאַר נאָר דערפֿאַר וואָס ווען מיר קלערען וועגען זיי טראָגען מיר אַריין אין אונזערע געדאַנקען, אונבעמערקט פֿיר אונז, די טעאָריע וועגען גייסט, וועלכע האָט זיך נאָר לאַנג־זאָם אויסגעבילדעט אין דעם משך פֿון אונזער ציוויליזאַציאָן. אָבער דער גייסט, ־ווי מיר פֿערשטעהען איהם, איז דעם ווילדען גאָר אונבעקאַנט, ווייל מען קען איהם ניט ענטדעקען מיט די אויסערליכע חושים און ער קען ניט ערשיינען פֿאַר אונז ווי אַ מין אינערליכעס וועזען. שוין אָט דער פֿאַקט, אַז אַפילו יעצט זענען דאָ איניגע מעטאַפֿיזיקער *) וועלכע האַלטען זיך אָן דער מיינונג, אַז מיר קענען ניט וויסען קיין זאַך אויסער איינדריקע און אידעען, וועהרענד אַנדערע בעהויפטען אַז די איינדריקע און אידעען ברענגען צו אַ השערה, אַז עס עקסיסטירט עפּעס יע אַזוינס פֿון וואָס זיי (די איינדריקע און אידעען) זענען צושטענדע — אָט דאָס ווייזט קלאָר, אַז דער גייסט, אַזוי ווי מיר שטעלען זיך איהם פֿאָר, איז דאָס ניט אַזאַ בעגריף וואָס איז אַריינגעגעבען אין דעם מענשען פֿון ששת ימי בראשית, נאָר דאָס איז אַ פועל יוצא, וואָס דער שכל האָט דאָס ביסלעך־ווייז אויסגעאַרבייט און דאַריבער האָט אַזאַ פֿאָרשטעלונג ניט געקענט בעשאַפֿען ווערען ביי דעם מענשען אַזוי לאַנג ווי זיין דענקונגסקראַפֿט איז נאָך געשטאַנען אויף אַ נידריגער שטאַפּעל פֿון ענטוויקלונג.

ווי יעדעס קינד, איז דער מענש פֿון די פֿאָרהיסטאָרישע

*) מעטאַפֿיזיקער הייסען געלעהרטע אָדער גלאַט מענשען, וועלכע האַלטען אַז עס עקסיסטירען איבערנאַטירליכע קרעפֿטען (כחות למעלה מן הטבע).

צייטען דורכגעגאַנגען אַ שטופּע פון דענקען, אויף וועלכער עס איז נאָך ניט ענטשטאַנען די פעהיגקייט צו בעטראַכטען זיין אינערליכען איך, די פעהיגקייט וועלכע ליעגט אין דיא ווערטער: „איך דענק, איך האָב אידעען". די געדאַנקען פון דעם ניט קולטורנעם מענשען דרעהען זיך כסדר בלויז אַרום זיינע געפיהלען און ווערען בעשאַפען פון זייערע איינדריקע. דיזע געדאַנקען זענען זעהר שוואַך און פערגעהען אַזוי שנעל, אַז מען בעמערקט זיי גאָר ניט, בעמערקען זיי וואָלט הייסען בעזיצען אַ פעהיגקייט פון זעלבסטקריטיק און דאָס איז אונמעגליך פיר די מענשען וואָס געפינען זיך אויף די ערשטע שטאַפּלען פון ענטוויקלונג. די געדאַנקען זענען ביי זיי אַזוי אויך שוואַך ענטוויקעלט, און ביי טאָג ווערען זיי נאָך פערדונקעלט דורך די לעבעדיגע מהעטיגקייט זייערע און דורך א ווירקונג פון די געפיהלען. ביי נאַכט ווען די אויגען זענען צוגעמאַכט און די אנדערע אויסערליכע חושים זענען אָבגעטעמט, ווירקט שוין די פאָרשטעלונגס-קראַפט שטאַרקער און לענגער. דאַן בלויז עפענט זיך פאַר אונז די טהעטיגקייט פון אונזער איך, אַזוי ווי די שטערען ווערען קענטיג אויפ'ן הימעל ערשט דאַן ווען די זון איז ניט דאָ. דאָס הייסט, אַז די ערפאַהרונגען וואָס מיר האָבען אין חלום האָבען אויף אונזער געדאַנק אַ ווירקונג, נאָך איידער מיר קענען זיך מאַכען אַ פאָרשטעלונג פון אונזער גייסטיגען „איך". נאָר מעהר: אָט די ערפאַהרונגען טאַקי זענען דאָס פון וועלכע עס וואַקסט דערנאָך אויס ביי אונז די פאָרשטעלונג וועגען אונזער גייסטיגען איך. לאָמיר אַכטונג געבען דעם סדר, ווי אַזוי דיזע פאָרשטעלונג וועגען אונזער גייסטיגען איך, אָדער

פשוט — וועגען אונזער גייסט, ווערט געבילדעט ביי די גאָר אַמאָליגע מענשען. די חלומות — לאָמיר געדענקען — קענען ניט ערקלערט ווערען ביי זיי ווי מיר ערקלערען זיי יעצט, וויל ביי זיי פֿעהלט די השערה אַז דער גייסט איז אַ בעזונדער וועזען אָט די השערה וועגען דעם גייסט, אַלס וועגען אַ בעזונדער וועזען, קען ניט עקסיסטירען אַזוי לאַנג אונזערע ערפֿאַהרונגען ווייזען דאָס אונז ניט. די ערפֿאַהרונגען, וואָס קענען ברענגען צו דער השערה, בעקומט דער ווילדער בלויז אין זיינע חלומות. דיזע ערפֿאַהרונגען ווייזען איהם פשוט אַז אין דעם מענשען זענען דאָ צוויי „איך“. די איינפֿאַכסטע פֿאָרם פֿון דיזער השערה וועגען צוויי איך אין איין מענשען דריקט זיך אויס אין דעם בעגריף, אַז דער אונטערשיעד פֿון דעם אַנדער איך און דעם ערשטען בעשטעהט אין דעם, וואָס דער אַנדער איך געהט אַוועק, און איז טהעטיג ביי נאַכט, בשעת דער ערשטער איך געפֿינט זיך אין רוה. ערשט שפּעטער, ווען דיזער כלומרשט׳דיגער „צווילינג“ (צווייטער, ביי נאַכטיגער „איך“) ווערט אַן איינציג וויז — ביי דער העכערער ענטוויקלונג פֿון דעם מענשען — זיינע קערפּערליכע אייגענשאַפֿטען, וועלכע שטימען שוין ניט מיט די פֿאַקטען — ערשט דאַן ווערט ביסלעכווייז פֿעסטגעשטעלט אָט די השערה וועגען אונזער גייסטיגען איך, וועלכען עס שטעלען זיך פֿאָר היינטיגע מענשען.

אָט דאָס איז דער שורש פֿון דעם גאָר אַמאָליגען מענשענס וועלט-אַנשויאונג צו וועלכער עס פֿיהרט איהם דיא בעטראַכטונג פֿון זאַכען און ערשיינונגען אין דער אַרומיגער וועלט. דער גלויבען אַז ער האָט נאָך אַ „איך“ האַרמאָנירט

מיט אַלע דאָפּעלפּאָרמיגע געשטאַלטען וועלכע ער בעמערקט אין די זאַכען וואָס רינגלען איהם אַרום (פֿון וואָלקען ווערט רעגען, פֿון וואַסער ווערט אייז, פֿון האָלץ ווערט קויהל און ז. וו.) ווי אויך פֿון די מאַסען פֿאַקטען, ווען זאַכען ווערען פֿון אַ נראה — אַ אינו נראה (דאָס הייסט: אַזאַך וואָס מען זעהט זי מיט די אויגען ווערט פלוצלונג פֿערשוואונדען און פֿערקעהרט — אַ פֿערשוואונדענע זאַך ווערט פלוצלונג ווידערגעזעהן). נאָך מעהר: אַז ער נעהמט פֿערגלייכען זיך מיט אַנדערע בדואים אָדער זאַכען אַרום איהם ענטדעקט ער אַ שטאַרקע עהנליכקייט צווישען זיין „צווילינג" און די „צווילינגס" פֿון אַנדערע זאַכען, דען, האָט דען יעדע פֿון אָט די זאַכען ניט איהר שאָטען? האָט ער אַליין ניט זיין שאָטען? ווערט דען דער שאָטען ניט פֿערשוואונדען ביי נאַכט? איז דען דאָס ניט קיין בפֿרוש'ער בעוויז, אַז אָט דער שאָטען וועלכער געהט נאָך איהם נאָך ביי טאָג אומעטום, וואוהין ער געהט, איז טאַקע אָט דער צווייטער „איך" וועלכער געהט ביי נאַכט אַ וועק און לאָזט זיך אויף זיינע אייגענע וואַנדערונגען? עס איז קלאָר, אַז די ווילדע וואָס וואָהנען אויף דעם אינזעל גרענלאַנד, וועלכע, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, גלויבען ווירקליך אין דאָס, האָבען אַ געוויסען גרונד פֿיר זייער גלויבען.

מעטאפיזיקע, וויסענשאפט און פילאזאפיע.

דענקען הייסט צו פארטייטשען דיא איינדריקע, וועלכע מיר בעקומען דורך אונזערע זיננע-ארגאנען און נערוועז פון דער אויסערער און אינערער וועלטען: אדער צו ציהען שליסע פון דיזע איינדריקע. ווען מיר בעקומען צ. ב. פון איינעם און דעמזעלבען געגענשטאנד די איינדריקע, קיילעכדיג, זויער זיס א. ז. וו., ציהען מיר א שלוס, אז דאס איז א'ן אפעלסין. דאס איז א'ן איינפאכער שלוס און איינפאכעס דענקען.

ווען מיר זעהען, דאס עפעל וואקסען אויף בוימער, בארן וואקסען אויף בוימער, וויינשעל וואקסען אויף בוימער א.ז.וו. ציהען מיר א שלוס, אז פרוכטען איבערהויפט וואקסען אויף בוימער. דאס איז א'ן אלגעמיינער שלוס און צוזאמענגעשטעלטעס דענקען. א'ן אלגעמיינער שלוס איז, פאלגליך, א שלוס פון פיעלע איינפאכע שליסע.

ווען מיר זעהען, דאס פפלאנצען ווערען געבוירען, וואקסען און שטארבען ענדליך, דאס בהמות ווערען געבוירען, וואקסען און שטארבען, דאס פויגלען ווערען געבוירען, וואקסען און שטארבען, דאס מענשען ווערען געבוירען, וואקסען און שטארבען א. ז. וו., ציהען מיר א שלוס, אז אלעס, וואס לעבט, ווערט געבוירען, וואקסט און שטארבט. דאס איז ווידער א'ן אלגעמיינער שלוס, אבער דיזער אלגעמיינער שלוס איז שוין געצווינגען געוואָרען ניט פון איינפאכע שליסע, נאר פון אלגעמיינע שליסע.

דער פּראָצעס פֿון דענקען איז הייסט עס פֿאָלגענדער: מיר ציהען פֿון איינדריקע איינפֿאַכע שליסע, פֿון איינפֿאַכע שליסע אלגעמיינע שליסע, פֿון אַלגעמיינע שליסע נאָך מעהר אַלגעמיינע שליסע א. ז. וו. אַ שלום פֿון איינדריקע רופֿט מען פֿאָרשטעלונג: אַ שלום פֿון פֿאָרשטעלונג רופֿט מען אידעע; אַ שלום פֿון אידעען רופֿט מען אַלגעמיינע אידעע, א. ז. וו.

ביי אַלע מענשען איז דער פּראָצעס פֿון דענקען דער־זעלבער: ער הייבט זיך אָן מיט איינדריקע און ענדיגט זיך מיט אַלגעמיינע פֿאָרשטעלונגען און אידעען. קיינע פֿאָר־שטעלונגען אָהן איינדריקע; קיינע אַלגעמיינע אידעען אָהן איינפֿאַכע אידעען. אַזוי דענקט אַ פּראָסטער מענש, אַזוי דענקט אַ געלעהרטער און פונקט אַזוי דענקט דער גרעסטער פֿילאָזאָף.

אָבער פֿון דעסטוועגען איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם דענקען פֿון אַ פּראָסטען מענשען, פֿון אַ גע־לעהרטען און פֿון אַ פֿילאָזאָף. דער מעכאַניזמוס פֿון דענקען איז ביי זיי אַלע דערזעלבער: זיי דענקען אַלע נאָך דעם זעלבען פּלאַן; און דאָך קומט יעדערער פֿון זיי צו פֿערשידענע רעזולטאַטען. זיי געהען אַלע ארויס פֿון איין פונקט — דיא איינדריקע: זיי געהען אַלע דורך דורך איין סטאַציאָן — דיא פֿאָרשטעלונגען: אָבער ווייטער צושיידען זיי זיך שוין. דער פּראָסטער מענש שטעלט זיך געוועהנליך אָפּ אויף פֿאָרשטע־לונגען און איינפֿאַכע אידעען, און געהט ניט ווייטער. און ווען ער געהט יאָ ווייטער, געהט ער שוין מיט אַנאַנדער וועג, ווי דער געלעהרטער און דער פֿילאָזאָף, און פֿאַרקריכט דער

רוח וויסט וואו. דער גילעהרטער שטעלט זיך ניט פֿאָר אויף איינפֿאַכע אידעען: ער געהט ווייטער, ער שאַפֿט אַלגעמיינע אידעען און פֿון אַלגעמיינע אידעען נאָך מעהר אַלגעמיינע אידעען. ער געהט אַזוי ווייט, וויא ער קען, און שטעלט זיך אָפּ נור דאַן, ווען זיין שכל זאָגט זיך שוין אָפּ צו דיענען איהם ווייטער. דער פֿילאָזאָף געהט דעם גאַנצען וועג צוזאַמען מיט דעם גילעהרטען, אָבער ער פֿאַרגעהט נאָך ווייטער, וויא דער לעצטער; ער שאַפֿט נאָך מעהר אַלגעמיינע אידעען. דער פּראָסטער מענש איז צופֿרידען ווען ער וויים, אַז דער רעגען קומט פֿון וואָלקענס; און ווען ער קלערט ווייטער, קומט ער צום שלום, אַז די וואָלקענס ווערען גימאַכט פֿון גאָט. דער גילעהרטער אונטערזוכט פֿון וואַנען עס נעהמען זיך די וואָלקענס, וויא און ווען זיי בילדען זיך א. ז. וו. ער שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דער נאָהענטסטער אורזאַכע פֿון אן ערשיינונג: ער זוכט די אורזאַכען פֿון דיעזער נאָהענטסטער אורזאַכע. דער פּראָסטער מענש בעפֿרידיגט זיך מיט אן איינפֿאַכער און אויבערפֿלעכליכער ערקלערונג פֿון דעם וואָס ער זעהט אַרום זיך. דער גילעהרטער זוכט א'ן אַלגעמיינע און גרינדליכע ערקלערונג פֿון יעדער ערשיינונג. און דער פֿילאָזאָף זוכט צו ערקלערען דאָס לעבען פֿון דער נאַטור אין איהר גאַנצען.

אָבער דער אונטערשיעד צווישען דעם דענקען פֿון א'ן אונוויסענדען מענשען, פֿון אַ גילעהרטען און פֿון אַ פֿילאָזאָף איז ניט נור אין דעם אינהאַלט, נאָר אויך און הויפּטזעכליך אין דעם מעטאָד, אין דעם וועג. דער אונוויסענדער מענש בעטראַכט אַן ערשיינונג נור פֿון אויסען און בעפֿרידיגט זיך

מיט דער ערשטער ערקלערונג, וואָס קומט איהם אין קאָפּ אַריין. דער גילעהרטער בעטראַכט אַ׳ן ערשיינונג פֿון אַללע זייטען, קוקט אין איהר אַריין אינוויינינ, פֿערגלייכט זיא מיט אַנדערע עהנליכע ערשיינונגען, פּרופֿט אַרויסצוזופֿען קינסטליך פונקט אַזאַ מין ערשיינונג, און פֿון דעם אַלעמען ציהט ער אַ׳ן אַלגעמיינעם שלוס (ד. ה. ער שאַפֿט אַ׳ן אַלגעמיינע אידעע), וועלכע ערקלערט דיזע ערשיינונג. דיא ערקלערונג פֿון אַ גילעהרטען, אָדער אַ וויסענשאַפֿטליכע ערקלערונג, איז אַן אַלגעמיינער שלוס, וועלכער איז געצויגען געוואָרען פֿון פֿיעלע גוט געגרינדעטע איינפֿאַכע שליסע. די ערקלערונג פֿון אַן אונוויסענדען מענשען איז אויך אַן אַלגעמיינער שלוס, אָבער אַזאַ, וואָס איז געצויגען געוואָרען פֿון וויינינע און שוואַכע איינפֿאַכע שליסע.

דיא קענטניס פֿון אַ׳ן אונוויסענדען מענשען בעשטייט, פֿאָלגליך, פֿון אַלגעמיינע אידעען, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פֿון וויינינע ניט קלאָרע און ניט קיין געטרייע איינפֿאַכע אידעען. די וויסענשאַפֿט בעשטייט פֿון אַל-געמיינע אידעען איבער דער נאַטור, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פֿון פֿיעלע קלאָרע און געטרייע איינפֿאַכע אידעען. די פֿילאָזאָפֿיע בעשטייט פֿון די אַלגעמיינסטע אידעען, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פֿון די אַלגעמיינע אידעען פֿון דער וויסענשאַפֿט.

וואָס-זשע איז מעטאַפֿיזיקע? דאָס איז אַן אונוויסענ-שאַפֿטליכע פֿילאָזאָפֿיע, ד. ה. אַזאַ פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע איז ניט געגרינדעט אויף דער וויסענשאַפֿט. מעטאַפֿיזיקע בעשטייט אויך פֿון די אַלגעמיינסטע אידעען איבער דער נאַטור, אָבער

דיעזע אַלגעמיינסטע אידעען זיינען ניט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פֿון די אַלגעמיינע אידעען, פֿון דער וויסענשאַפֿט, נאָר פֿון עטליכע פֿאַלשע אָדער שלעכט געגרינדעטע אַלגעמיינע אידעען.

אַלס אַ ביישפּיעל פֿון מעטאַפֿיזיקע קען דיענען יעדע איינצעלנע רעליגיאָן: אַלס אַ ביישפּיעל פֿון דער וויסענשאַפֿט קען דיענען אַ בעזונדערער צווייג פֿון איהר, וויא די פֿהיזיק; און אַלס אַ ביישפּיעל פֿון פֿילאָזאָפֿיע קען דיענען דער מאַטע־יאַליזמוס.

יעדע רעליגיאָן בעשטייט פֿון עטליכע אַלגעמיינסטע אידעען, וויא גאָט, זעעלע, וועלט, אונשטערבליכקייט, א. ז. וו. וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פֿון עטליכע פֿאַלשע אָדער שלעכט געגרינדעטע אַלגעמיינע אידעען.

דיא פֿהיזיק בעשטייט פֿון אַלגעמיינע אידעען (טהעאָריען, היפּאָטעזען, געזעצע) איבער עלעקטריציטעט, וואַרימקייט, ליכט, קלאַנג, באַוועגונג און אייגענשאַפֿטען פֿון שטאָף. דיעזע אַלגעמיינע אידעען זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פֿון ווייניגער אַלגעמיינע אידעען; יענע פֿון נאָך ווייניגער אַלגע־מיינע אידעען, און ענדליך פֿון איינפֿאַכע אידעען, פֿאָרשטע־לונגען און איינדריקע.

דער מאַטעריאַליזמוס בעשטייט פֿון די אַלגעמיינסטע אידעען איבער דער נאַטור, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פֿון די אַלגעמיינע אידעען, וועלכע געפֿינען זיך אין דער גאַנצער וויסענשאַפֿט.

ווען איהר צוטהיילט דעם מענשליכען קערפּער אויף נייע ענדליכסטע טהיילען, בעקומט איהר די מיקראָסקאָפּישע

צעלע, ווען איהר צוגלידערט ביז דעם סוף אַ גרויסע וועלט־אַנשוויאונג, בעקומט איהר דעם איינדרוק. דער איינדרוק איז דער קערען, די צעלע פֿון אַ יעדער גייסטליכע געביידע. פֿון עטליכע מיליאָנען איינצעלנע צעלען ווערט צוזאַמענגעשמעלט אָן אבר פֿון דעם מענשליכען קערפּער; פֿון עטליכע מיליאָנען איינצעלנע איינדריקע קומט אַרויס אַ וויסענשאַפֿטליכע טהעאָריע. אַלע אונזערע אברים צוזאַמענגענומען בילדען אונזער קערפּער; אַלע וויסענשאַפֿטליכע טהעאָריען צוזאַמענגענומען בילדען די גאַנצע וויסענשאַפֿט און די פֿילאָזאָפֿיע איז די קרוין פֿון דער גייסטליכער געביידע, זיא מאַכט אַרום אַזוי ווי מיט אַ הויט אַלע טהיילען (אברים) פֿון דער וויסענשאַפֿט און בילדעט דעם גיפּעל פֿון דעם גרויסען בוים פֿון קענטניס.

וויא־זשע איז ענטשטאַנען די וויסענשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע און פֿון וואַנען האָבען זיך גענומען גילעהרטע און פֿילאָזאָפֿען?

אום צו דענקען זיינען נויטווענדיג צוויי זאַכען: ערשטענס, דאַרף מען האָבען די פֿעהיגקייט צו דענקען, און צווייטענס, דאַרף מען האָבען צייט צו דענקען. אדם הראשון האָט העכסט וואַרשעהנליך געהאַט זעהר גענוג צייט צו דענקען, אָבער איך גלויב ניט, דאָס ער האָט געהאַט די פֿעהיגקייט צו דענקען. דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרזוכט פֿון דעם עץ הדעת, האָט איהם נאָך ניט געמאַכט פֿאַר קיין חכם. דאָס האָט איהם נור אויפֿגיעפֿענט די אויגען, דאָס חוה איז איהם געווען פֿאַלש. אָבער אַזוי פֿיל קען אפֿילו א האָהן פֿאַרשטיין, און דאָך וועט קיינער ניט זאָגען, דאָס אפֿילו אַ גאַלאַגאַנסקער האָהן איז אַ דענקער.

מען מוז, הייסט עס, אָננעהמען, דאָס די ערשטע מענ־שען זיינען געווען אַזוי דום, וויא אַ געוויסער טהייל פֿון דעם מענשליכען קערפּער. זיי האָבען אַרומגעבלאָנזשעוועט אַזוי וויא זייערע מאַמעס האָבען זיי געהאַט, אין די געדיכטע וועלדער און האָבען געקיקט אויף אַלעס מיט וואונדער און מיט שרעקען; אָבער זיי האָבען שוין צו יענער צייט געהאַט דעם אָרגאַן פֿון דענקען — דעם געהירען, און יעדערער פֿון זיי איז געקומען מיט אַ מאָגען, וועלכען מע האָט בעדאַרפֿט באַטש איין מאָל אין טאָג אָנפֿילען. אָט דיזער מאָגען האָט טאַקע אָנגעמאַכט די גאַנצע געשיכטע. ער האָט געצוואונגען דעם מענשען צו קעמפּפֿען מיט דער נאַטור און צו קאָנקו־רירען מיט זיינע מיטמענשען. און דיזער קאַמפּף האָט איהם ענדליך געמאַכט פֿאַר אַ מענשען ד. ה. פֿאַר אַ דענקענדער חיה. ער האָט אָנגעהויבען צו זוכען אַ ערקלערונג דאַפֿון, וואָס ער האָט געזעהען אַרום זיך, און האָט ביסלעכווייז אויס־געטראַכט געטער, שדים, גלחים, שוואַרץ יאָהרען, תחית המתים, שור הבר'ן, לויתן'ס און נאָך אַנדערע ניט ווייניגער קלוגע זאַכען. ער האָט געצויגען פֿאַלשע שליסע פֿון שלעכט בעאָבאַכטעטע ערשיינונגען און האָט געשאַפֿט די ערשטע מעטאַפֿיזישע וועלט-אַנשויאונגען, וועלכע זיינען צו דער זעל־בער צייט אויך געווען די ערשטע רעליגיאָנען. אַזוי איז ענטשטאַנען די מעטאַפֿיזיק. צווישען אַ נאַקעטען מעטאַפֿיזיקער פֿון נוח'ס צייטען און אַ דייטשען מעטאַפֿיזיקער פֿון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט איז דער אונטערשיעד אין דעם גראַד פֿון נאַרישקייט וואָס יעדערער פֿון זיי האָט אויסגעטראַכט. אין עטליכע הונדערט יאָהר אַרום וועט מען אַזוי לאַכען פֿון

העגעל'ס מעטאַפיזיק, וויא מיר לאַבען יעצט פון דער מעטאַ-פיזיק (רעליגיאָן) פון ווילדע פעלקער.

צו דער צייט, ווען דער מענשליכער שכל איז שוין גע-ווען אַזוי ענטוויקעלט, דאָס ער האָט געקענט אוים טראַכטען וועלטאַנשויאונגען און רעליגיאָנען, האָט דער קאַמפף פיר דעם לעבען (פון וועלכען די ענטוויקלונג פון דעם שכל איז אַרויסגעקומען) שון געמוזט זיין אַ צימליך שטאַרקער. דיא מענשהייט האָט שוין געמוזט זיין אָרגאַניזירט אין שטאַאַטען און איינגעטהיילט אין קלאַסען. די גרויסע מאַיאָריטעט האָט שוין געמוזט זיין מעהר אָדער וויינינגער פערשקלאַפט און ניט האָבען קיין צייט צו דענקען. די הערשענדע מינאָריטעט איז בעשטאַנען פון צוויי קלאַסען — פון דעם קלאַס פון עדעל לייטע, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום די קעניגע, און פון דעם קלאַס פון גלחים, וועלכע האָבען געהאָלפען די ערשטע צו האַלטען די מאַיאָריטעט פערשקלאַפט. פון דיזע צוויי הערשענדע קלאַסען איז די ערשטע אימער געווען פאַרנומען מיט מלחמות און האָט דאַרום קיין צייט ניט געהאַט אָב-צוגעבען זיך מיט דעם דענקען. נור די צווייטע קלאַסע — די גלחים זיינען אַרומגעגאַנגען ליידיג און האָבען צייט גע-האַט צו דענקען, און דאַרום איז מיט דער צייט דאָס דענקען געוואָרען זייער ספּעציאַליטעט. זיי האָבען געדענקט פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט און אַלע האָבען געגלויבט אויף'ן וואָרט אַלעס, וואָס זיי האָבען בעהויפּטעט. זיי האָבען געהערשט איבער דעם גייסט פון דער מענשהייט, אַזוי וויא די קלאַסע פון עדעל-לייט האָט געהערשט איבער די קערפּער פון דער מאַסע.

און דאָס איז אין אַ געוויסען זינען געווען פֿאַלשטענדיג לאָגיש. די רעליגיאָן איז דאַן געוועז דער איינציגער גייסט־ליכער קאַפּיטאַל פֿון דער מענשהייט; זיא האָט ענטהאַלטען אַלעס, צו וואָס דער מענשליכער שכל האָט זיך דאַן געהאַט דערטראַכט; אַלעס וואָס דער מענש האָט דאַן געוואוסט איבער דער נאַטור. און אַזוי וויא די גלחים זיינען געווען די ספּעציעלע בעלי השגחות פֿון דער רעליגיאָן, די פּרעדיגער און לעהרער פֿון דער רעליגיאָן, זיינען זיי צו דער זעלבער צייט אויך געווען די בעלי השגחות פֿון דעם גאַנצען גייסט־ליכען קאַפּיטאַל פֿון דער מענשהייט. דענקען האָט דאַן גע־הייסען דענקען איבער רעליגיעזע פֿראַגען; אונטערזוכען האָט געהייסען אונטערזוכען רעליגיעזע זאַכען; וויסען האָט געהייסען וויסען די לעהרע פֿון דער רעליגיאָן. די רעליגיאָן איז דאַן געווען די איינציגע גייסטיגע אינטערעסע פֿון דעם מענשען, דער צענטער, אַרום וועלכען עס האָבען זיך אַרומגעדרייט אַלע זיינע געדאַנקען. און דאַרום זיינען די וועכטער פֿון דער רעליגיאָן געווען צו דער זעלבער צייט די וועכטער פֿון זיין גייסטיגען לעבען. די גלחים זיינען פֿאָלגליך געווען די ע־שטע מעטאַפֿיזיקער. זיי פֿלעגען פֿאַרברענגען זייער גאַנצע צייט אין דענקען איבער רעליגיעזע פֿ־אַגען און האָבען ביסלעכווייז ענטוויקעלט די איינפֿאַכע רעליגיעזע אידעען פֿון דעם פֿאָלק אין גרויסאַרטיגע רעליגיעזע סיסטעמען און מעטאַפֿיזישע וועלטאַנשויאונגען.

אָבער זיי האָבען פֿאַרגעבראַכט ניט נור דאָס אַליין. דענקענדיג איבער געטליכע זאַכען, האָבען זיי ניט געקענט אויסמיידען צו דענקען אַ מאָל איבער וועלטליכע זאַכען;

דענקענדיג איבער גאָט, האָבען זיי זיך געמיזט אויך אָב־שטעלען אויף דער נאַטור, וועלבע זיי האָבען בעטראַכט אַלס דאָס ווערק פֿון גאָט. אום וואָס בעסער צו דיענען גאָט, האָ־בען זיי געמוזט אונטערזוכען די נאַטור און אויף דיעזער ווייזע האָבען זיי בּיסלעכווייז פֿאַרגרעסערט און פֿאַרבעסערט דיא מענשליבע קענטניסע איבער דער נאַטור און האָבען געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון דער נאַטור-וויסענשאַפֿט.

זיי האָבען, צום ביישפּיעל, געוואָלט אויפֿבויען גרויסע טעמפּעלן פֿאַר זייערע געטער, און צו זיין אים שטאַנדע דאָס צו טאָן, האָבען זיי זיך גענומען אונטערזוכען דיא נאַטור־געזעצע, פֿון וועלבע עס הענגט אָפּ די קונסט פֿון בויען. און אויף דיזער ווייזע האָבען זיי געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון דער געאָמעטריע (מאַטעמאַטיקע) אין פֿון דער מעכאַניקע (פֿהיזיקע).

זיי האָבען געוואָלט אויסגעפֿינען אַ מיטעל, וויא צו בע־שטימען ריכטיג די צייט פֿון זייערע רעליגיעזע ימים טובים; און צוליעב דעם האָבען זיי זיך גענומען אונטערזוכען דיא ערשיינונגען אויף דעם הימעל, ווייל דיזע ערשיינונגען זיינען געווען די רעגעלמעסיגסטע, וואָס זיי האָבען באַמערקט אין דער נאַטור. און אויף דיזער ווייזע האָבען זיי געגרינדעט די וויסענשאַפֿט אַסטראָנאָמיע.

מיר האָבען געוויזען אין דעם ערשטען אַרטיקעל פֿון דיזער סעריע, אַז די גלחים זיינען געווען די ערשטע דאָק־טוירים. אין אָנפֿאַנג האָבען זיי געקורירט נור דעם גייסט פֿון דעם חולה, ווייל זיי האָבען געגלויבט, דאָס קראַנקהייטען קומען פֿון שדים אָדער פֿון זינדיגען. מיט דער צייט האָבען

זיי אָנגעהויבען צו קורירען דעם קערפּער; זיי האָבען אויס־געפונען מעדיצינישע פפלאַנצען און חיות; זיי זיינען בעקאַנט געוואָרען מיט אייניגע ערשיינונגען, וועלכע געהען פאָר אין דעם מענשליכען קערפּער. און אויף דיזער וויזע האָבען זיי געגרינדעט די באָטאַניקע, די זאָאָלאָגיע און די פיזיאָלאָגיע.

דיא גייסטליכע זיינען, פאָלגליך, געווען די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע נאַטור־פאָרשער, די ערשטע געלעהרטע. זיי האָבען זיך באַשעפטיגט מיט וויסענשאַפט ניט צוליעב וויסענשאַפט, נאָר צוליעב דער רעליגיאָן. זיי האָבען אונטער־זוכט די נאַטור, אום בעסער צו דיענען גאָט. זיי האָבען מיט זייער'ע אייגענע הענט אונטערגעגראָבען די געביידע, וועלכע זיי האָבען געזוכט צו מאַכען גרעסער און פעסטער.

ביז דער ענדע פון דעם מיטעלאַלטער איז די וויסענ־שאַפט געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער רעליגיאָן. דיא גלחים זיינען געווען כמעט די איינציגע געלעהרטע. אין אַלע קלויסטערס האָט מען זיך בעשעפטיגט מיט נאַטור־וויסענשאַפט. די מייסטע פּראָפעסאָרען אין די שוהלען און אוניווערסיטע־טען זיינען געווען גייסטליכע. מי האָט בעטראַכט די וויסענ־שאַפט אַלס אַ פריינד, אַ העלפער און אַ מאָל אַלס אַ קנעכט פון דער רעליגיאָן. דער הויפּט־צוועק פון דער וויסענשאַפט איז געווען צו בעפעסטיגען דעם פונדאַמענט פון דער רע־ליגיאָן, צו בעווייזען דאָס איהר לעהרע האָט געשטימט ניט נור מיט די געפיהלע פונ'ם מענשען, נאָר אויך מיט זיין שכל, מיט זיין לאָגיקע און מיט דעם, וואָס ער זעהט אין דער נאַטור. אין דעם זיינען געווען איינשטימיג אַפילו די וועלט־ליכע נאַטורפאָרשער, וועלכע זיינען מיט דער צייט ערשינען.

אָבער אַזוי האָט אייביג ניט געקענט דויערן. ווען דיא וויסענשאַפֿט האָט עררייכט אַ געוויסע שטופֿע פֿון ענטוויק־לונג, האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצו-ווייזען דער ווידערשפּרוך צווישען איהר און דער רעליגיאָן. און וואָס ווייטער די וויסענ-שאַפֿט האָט זיך ענטוויקעלט אַלס גרעסער איז געוואָרען דער ווידערשפּרוך. ווען די גייסטליכע האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי זיך דערשראָקען און האָבען געזוכט אָבצושטעלען דיא ווייטע ענטוויקלונג פֿון דער וויסענשאַפֿט. זיי האָבען אָנגע־הויבען צו פֿערפֿאָלגען די נאַטור-פֿאָרשער און זייערע ווערקע. זיי האָבען ערקלערט אַ מלחמה דעם מענשליכען פֿערנונפֿט און דער פֿרייער קריטיק. אָבער זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט צו שפּעט. זיי האָבען געקעמפֿט מיט אַלע כוחות; זיי האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט פֿאַר קיין שום מיטעל; אָבער ענדליך זיינען זיי געוועזן בעזיעגט, און די גלחים זיינען געוואָרען אוים בעלי הבתים אין איהר. די וויסענשאַפֿט און די פֿילאָ־זאָפֿיע זיינען איבערגעגאַנגען אין די הענד פֿון וועלטליכע דענקער און זיינען געוואָרען וועלטליכע פּראָפֿעסיאָנען.

ארכיטעקטור.

אַרכיטעקטור קען מען בעטראַכטען אַלס אַ האַנדווערק און אַלס אַ קונסט. זיא איז אַ האַנדווערק, ווען זיא בעפֿרי־דיגט די מאַטריעלע בעדירפֿניסע פֿון דעם מענשען; זיא איז אַ קונסט, ווען זיא בעפֿרידיגט זיינע גייסטיגע בעדירפֿניסע ווען זיא איז, אזוי וויא אַנדערע קינסטע, אַ מיטעל, אום אויסצודריקען זיינע ערהאַבענע געפֿיהלע.

קיינער וועט ניט אָנרופֿען אַ הויז אין בוטס סטריט אַ ווערק דער קונסט, אַזוי וויא קיינער וועט ניט אָנרופֿען אַ קעסטעלע פֿון סאַרדינס אַ ווערק דער קונסט. אי דאָס הויז אי דאָס קעסטעלע האָבען בלויז אַ מאַטריעלען צוועק: דאָס ערשטע, אום איינצופּאַקעווען אידען און וואַנצען; דאָס צווייטע — אום איינצופּאַקעווען סערדינס.ביידע זאַכען זיינען נוצליך, ביידע בעפֿרידיגען געוויסע מאַטעריעלע בעדירפֿניסע פֿון דעם מענשען און ביידע דאַרף מען קענען מאַכען. אָבער קיינע פֿון זיי איז פֿון דעסטוועגען ניט קיין ווערק דער קונסט, און דיא, וואָס מאַכען זיי, זיינען ניט מעהר, וויא בעלי־מלאכות.

דער בעריהמטער טעמפּעל פֿון דעם הייליגען פּאַטער אין רוים איז אָהנע צווייפֿעל אַ ווערק דער קונסט; און אַזוי איז אויך דער איסאַקי-סאָבאָר אין פעטערסבורג אין דיא נאָטר-דאַם קירכע אין פּאַריז, און דיא סען-סטעפֿאַן קירכע אין וויען, און דער טריאומפֿאַלער טויער אין פּאַריז, און דיא

קאָלאָסאַלע פּיראַמידען פֿון עגיפּטען. אַלע דיזע געביידעס האָבען אַ גייסטליכען צוועק: זיי זיינען די אויסדריקע פֿון ערהאַבענע געפֿיהלע — רעליגיעזע און פּאַטריאָטישע. און אַלס אויסדריקע פֿון ערהאַבענע געפיהלע בעפֿרידיגען זיי אויך אונזער עסטעטישען געפֿיהל, ד. ה. זיי רופֿען אין אונז אַרויס דעם געפֿיהל פֿון דעם ערהאַבענעם. אַלעס, וואָס האָט אַ׳ן ערהאַבענעם צוועק, אַלעס וואָס איז אַרויסגערופֿען געוואָרען פֿון ערהאַבענע געפֿיהלע האָט אַ׳ן ערהאַבענע ווירקונג און רופֿט פֿון זיין זייט אַרויס ערהאַבענע געפֿיהלע. אויף אַ ווערק דער קונסט רוהט, זאָ צו זאָגען, די שכינה, און יעדערער, וואָס בעטראַכט עס, פֿיהלט זיך ריינער און נאָהענטער צום הימעל.

דיא אַרכיטעקטור אַלס אַ קונסט איז, זעלבסטפֿערשטענדליך, ערשינען שפּעטער, וויא די אַרכיטעקטור אַלס אַ האַנדווערק. דער מענש האָט אימער געהאַט מאַטעריעלע בעדירפֿניסע: אָבער גייסטליכע בעדירפֿניסע האָט ער אָנגעהויבען צו האָבען ערשט דאַן, ווען ער האָט שוין ערר‍ייכט אַ געוויסע שטופֿע פֿון גייסטליכער ענטוויקלונג. אונזערע בעדירפֿניסע זיינען אימער אַזוי הויך, וויא אונזער גייסטליכע ענטוויקלונג. אום עס זאָל ערשיינען די אַרכיטעקטור אַ־ס אַ קונסט, איז אויך נייטיג געוועזען, אַז די אַרכיטעקטור אַלס אַ׳ן האַנדווערק זאָל האָבען ערר‍ייכט אַ צימליך הויכע שטופֿע פֿון ענטוויקלונג. דער גרעסטער קינסטלער-אַרכיטעקטאָר וואָלט גאָר ניט געקענט מאַכען, ווען ער וואָלט ניט האָבען קיין בעלי-מלאכות-אַרכיטעקטאָרס, קיין אַרבייטער, וועלכע זענען געניהט אין דעם בויען. די אַרכיטעקטור אַלס אַ קונסט

איז, פֿאָלגליך, ערשינען ערשט דאַן, ווען די אינדוסטריעלע טעכניקע האָט שוין ערר͏ייכט אַ געוויסע שטופֿע פֿון ענט־וויקלונג.

אַזוי לאַנג, וויא מענשען האָבען געוואָהנט אויף בוימער אָדער אין גריבער, האָט ניט געקענט זיין קיין רייד פֿון קיין שום אַרכיטעקטור. אַזוי לאַנג וויא מענשען האָבען געוואָהנט אין שטרויענע הייזלעך אָדער אין שטיבעלעך, וועלכע זיי האָבען געמאַכט פֿון בלאָטע האָט אויך ניט געקענט זיין קיין רייד פֿון אַרכיטעקטור. ערשט דאַן, ווען זיי האָבען זיך אויס־געלערענט סטרויען הייזער פֿון האָלץ אָדער פֿון ציגעל אָדער פֿון שטיין און ווען זיי זיינען בעקאַנט געוואָרען מיט דעם געברויך פֿון מעטאַלען, — ערשט דאַן איז ערשינען אַ באָדען פֿאַר דער ענשטייהונג פֿון דער אַרכיטעקטור אַלס אַ קונסט.

דיא אַרכיטעקטור אַלס אַ קונסט האָט אין אָנפֿאַנג גע־האַט דעם זעלבען צוועק וויא די אַנדערע קינסטע, וועלכע מיר האָבען ביז אַהער בעטראַכט. זיא איז געווען איינער פֿון די מיטלען וועלכע דער מענש האָט געברויכט, אום אויס־צודריקען זיינע ערהאַבענע געפֿיהלע. און דאַרום איז זיא ענט־שטאַנדען אויף דער זעלבער וויזע, וויא די אַנדערע קינסטע. די מוזיק, פּאָעזיע, רעדנער־קונסט און דראַמאַטישע קונסט האָבען אין אַנפֿאַנג געהאַט דעם צוועק אויסצודריקען דיא געפֿיהלע פֿון בעוואונדערונג און אַכטונג צו קעניגע און געטער. און דעם זעלבען צוועק האָט אין אָנפֿאַנג אויך געהאַט דיא אַרכיטעקטור. די ערשטע ווערקע פֿון דער אַרכיטעקטור אַלס אַ קונסט זיינען געווען מאָנומענטען אויף די קברים פֿון קע־ניגע און איבערהויפּט גרויסע לייט און טעמפּלען צו עהרע

פֿין די געטער. אַלע גרויסע געביידעס וואָס מי פֿלעגט אַ מאָל סטרויען, פֿלעגען זיין ענטוועדער מצבות און קברים פֿאר קעניגע אָדער טעמפּלען פֿאַר אָבגעטער און געטער. אַלע קאָלאָסאַלע פּיראַמידען, וועלכע מיר געפֿינען נאָך יעצט אין עגיפּטען, זיינען אויסגעסטרויעט געוואָרען אום צו בע־האַלטען אין זיי דיא באַלזאַמירטע קערפּערס פֿון די טויטע פּרעה׳ס. אַלע קאָלאָסאַלע געביידעס, וועלכע מיר געפֿינען אין אינדיען זיינען אַלטע טעמפּלע׳ן. דער געפֿיהל, וועלכער האָט געטריבען די אַמאָליגע מענשען צו סטרויען קאָלאָסאַלע פּיראַמידען פֿאַר זייערע פֿערשטאָרבענע קעניגע, און דער געפֿיהל, וועלכער האָט זיי געטריבען צו סטרויען קאָלאָסאלע טעמפּלע׳ן פֿאַר זייערע געטער, זיינען געווען פֿון דעם זעלבען אַרט.ביידע זיינען געווען רעליגיעזע געפֿיהלע, ווייל יעדען פֿערשטאָרבענעם קעניג אָדער העלד פֿלעגט מען בעטראַכטען אַלס אַ גאָט, און מי פֿלעגט פֿון איהם ערוואַרטען דיזעלבע נסים, דיזעלבע גוטע און שלעכטע זאַכען, וויא פֿון אַ גאָט.

און אַזוי וויא אַרכיטעקטור אַלס אַ קונסט האָט אין אַנפֿאַנג געהאַט אַ רעליגיעזען צוועק, איז גאַנץ נאַטירליך, דאָס זיא איז אַזוי וויא די אַנדערע קינסטע, אין אָנפֿאַנג גע־ווען אין די הענד פֿון די יעניגע, וועלכע זיינען געווען דיא בעלי השגחות פֿון דער רעליגיאָן, ד. ה. פֿון די גייסטליכע די גלחים זיינען געווען די ערשטע אַרכיטעקטאָרס, אַזוי וויא זיי זיינען אויך געווען די ערשטע מוזיקאַנטען, פּאָעטע, רעדנער, שוישפּילער, דאָקטוירים און פֿילאָזאָפֿען. אונטער זייער פֿיהרונג פֿלעגט מען סטרויען אַלע פּיראַמידען און טעמפּלען. זיי זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען ענטדעקט די געזעצע פֿון

דער מעכאַניקע, וועלכע מען מוז אָנווענדען, ווען מען סטרוי־עט גרויסע געביידעס. די אַרכיטעקטור איז אין אָנפאַנג געווען אַ היילינע פּראָפעסיאָן, און דאַרום האָבין זיך באַשעפטינט מיט איהר נור הייליגע מענשען. אַז די אַרכיטעקטור איז אַ מאָל געווען פערבונדען מיט דער רעליגיאָן, קען מען אפילו זעהען פון דער ביבעל. דער אידעשער גאָט, אַזוי ווי אַנדערע געטער, האָט ליעב געהאַט צו וואָהנען אויף אַ שעהנער קוואַר־טיר, און ער האָט אָנגעזאָגט משה רבינו, וואָס פאַר אַ מין הויז זיין פאָלק זאָל פאַר איהם אויסטרויען. ער האָט איהם בעשריבען דאָס הויז מיט די קלענסטע איינצעלהייטען: וויא גרויס עס האָט בעדאַרפט זיין, פון וואָס מען האָט עס בע־דאַרפט מאַכען און וואָס פאַר אַ ווערקצייגע מען האָט בע־דאַרפט געברויכען. טאָמער וואָלט מען עס ניט געווען געמאַכט פונקט אַזוי, ווי ער האָט געהייסען, וואָלט עס געווען טרפה און ער וואָלט זיך בשום אופן ניט אַריבערגעקליבען אַהין. מען האָט בעדאַרפט זיין זעהר פאָרזיכטיג ווען מי האָט עס געסטרויעט, ווייל צוליעב אַ צוואָק אָדער אַ לעבעל האָט דער רבונו של עולם געקענט אָנמאַכען אַ גרויסען סקאַנדאַל, און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט געקענט אומקומען. און דאַ־רום האָבען די כהנים אַליין געמוזט זיין די אַרכיטעקטאָרס פון דעם בית המקדש, ווייל זיי זיינען בעסער וויא אימיצער אַנדערש, געווען בעקאַנט מיט דעם ווילען און מיט די קאַ־פריזען פון דעם אַלמעכטיגען.

אין אַזוי וויא עס איז געווען ביי די אידען אַזוי איז גע־ווען ביי אַלע פעלקער, וועלכע האָבען געהאַט דעם גליק צו האָבען געטטער. די אַרכיטעקטור אַלס אַ קונסט איז געווען

אין די הענד פֿון די גייסטליכע כמעט ביז דעם 13-טען יאָהר-הונדערט. ערשט אין דעם 13-טען יאָהר-הונדערט זיינען ערשינען די ערשטע וועלטליכע אַרכיטעקטאָרס און די אַרכיטעקטור האָט אָנגעהויבען צו ווערען אַ וועלטליכע פּראָפֿעסיאָן.

סקולפטור.

דיא סקולפטור אַזוי, וויא דיא אַרכיטעקטור, קען מען בעטראַכטען אַלס אַ קונסט און אַלס אַ האַנדווערק. זיא איז אַ האַנדווערק, ווען זיא האָט דעם צוועק צו בעפֿרידיגען דיא מאַטעריעלע בעדירפֿניסע פֿון דעם מענשען; זיא איז אַ קונסט, ווען זיא דריקט אויס די ערהאַבענע געפֿיהלע פֿון דעם מענשען.

אַלע קינסטע האָבען איין צוועק — אויסצודריקען דיא ערהאַבענע געפֿיהלע פֿון דעם מענשען, אָבער יעדע איינצעלנע קונסט ערפֿילט דיזע געמיינשאַפֿטליכע אויפֿגאַבע אויף אַ בעזונדערען אַרט. איין קונסט דריקט אויס די ערהאַבענע גע-פֿיהלע פֿון דעם מענשען אין טענער (מוזיק), אַנאַנדערע — אין ווערטער (פּאָעזיע אָדער רעדנער-קונסט), אַ דריטע — אין ווערטער און בעוועגונגען (שוישפּיעלעריי אָדער טאַנצען), אַ פֿערטע — אין פֿאַרבען (מאַהלעריי), אַ פֿינפֿטע — אין קערפּערס. די סקולפּטור אַזוי וויא אויך די אַרכיטעקטור, בעלאַנגט צו דעם לעצטען קלאַס קינסטע. זיא דריקט אויס די ערהאַבענע געפֿיהלע פֿון דעם מענשען אין דער פֿאָרמע פֿון קערפּערס.

דער סקולפּטאָר טהוט אַזוי, וויא דער רבונו של עולם האָט אַמאָל געטאָן. ער נעהמט אַ ביסעל גיפּס, צומישט עס

מיט וואַסער און קלעפּט אויס פֿון דער קאַשע אַ פֿיגור. דער־נאָך בלאָזט ער אַריין אין דער פֿיגור אַ אידעע. און זיא הויבט אָן צו לעבען, זיא ווערט אַ ווערק דער קונסט.

דיא ערשטע ערהאַבענע געפֿיהלע פֿון דעם מענשען זיינען געווען די רעליגיעזע געפֿיהלע, און דאַרום האָבען אַלע קינסטע אין אָנפֿאַנג געהאַט אַ רעליגיעזען כאַראַקטער. זייא זיינען געבוירען געוואָרען, זאָ צו זאָגען, אין דעם שוים פֿון דער רעליגיאָן און האָבען אין אָנפֿאַנג אַלע געדיענט זייער אַלגעמיינער מוטער.

און דאָס זעלבע, וואָס איז געווען מיט אַלע קינסטע, איז אויך געווען מיט דער סקולפּטור. די ערשטע ווערקע דער סקולפּטור זיינען געווען סטאַטוען פֿון געטער, פֿון פֿער־שטאָרבענע קעניגע און העלדען. די ערשטע סטאַטוע איז געווען אַ'ן אָב-גאָטט.

דער ווילדער מענש האָט געגלויבט (און מיליאָנען זאָד גינאַנטע ציוויליזירטע מענשען גלויבען נאָך היינט), דאָס ער האָט אין זיך אַ נשמה, וועלכע פֿליהט אַרויס פֿון איהם, ווען ער שטאַרבט, און קלייבט זיך דערנאָך אַריין אין אַנאַנדער קערפּער: אין אַ בוים, אַ שטיין, אַ חיה, אַ שטערען א. ד. ג. כדי זיא זאָל זיך ניט אַריינקלייבען דער רוח ווייס וואו, פֿלעגט ער אַליין שאַפֿען פֿאַר איהר אַ קוואַרטיר. ווען אַ פֿאָטער פֿלעגט שטאַרבען, פֿלעגט זיין זוהן אַויסקלעפּען פֿון בלאָטע אָדער אויסשניצען פֿון האָלץ אָדער אויסהאַקען פֿון שטיין אַ פֿיגור, וועלכע איז געווען עהנליך צו דעם קערפּער פֿון דעם פֿערשטאָרבענעם, און פֿלעגט זיא אַנידערשטעלען אויף זיין קבר, כדי זיין נשמה זאָל זיך האָבען וואו אַריינצוקלויבען,

און די נשמה פֿלעגט עס מיט פֿאַרגניגען טאָן און פֿלעגט איהם דערפֿאַר בעגליקען אויף דער מלחמה און אויף דער יאַכט. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלעס, וואָס מען פלעגט טאָן פֿאַר אַ נשמה. מען פֿלעגט זיך בוקען פֿאַר דער פֿיגור, אין וועלכער זיא האָט געוואָהנט, מען פֿלעגט טאַנצען אַרום איהר, זינגען איהר לויבגעזענגע, ברייגגען איהר קרבנות א. ז. וו. מען פֿלעגט זיך אָבגעבען מיט די טוידטע מעהר, וויא מיט די לעבעדיגע, ווייל מען האָט געגלויבט. דאָס אַ פֿערשטאָרבענער קען טאָן מעהר גוטס און מעהר שלעכטס, וויא אַ לעבעדיגער. פֿאַר די נשמות פֿון קעניגע און העלדען פֿלעגט מען, נאַטירליך, מאַכען גרעסערע און שעהנערע וואָה-נונגען. די סטאַטוען פֿון פראָסטע לייט פֿלעגט מען אַנידער-שטעלען אויף זייערע קברים, וועלכע פֿלעגען זעהר אָפֿט זיין אין די הייזער, וואו זיי האָבען פֿריהער געוואָהנט און וואו זייערע קינדער און קרובים האָבען ניט אויפֿגעהערט צו וואָה-נען נאָך זייער טוידט. די סטאַטוען פֿון די הויפט-געטטער, פֿון קעניגע און פֿון העלדען פֿלעגט מען אַנידערשטעלען אין ספּעציעלע גרויסע געביידעס, פֿון וועלכע עס זיינען מיט דער צייט אַרויסגעקומען די טעמפלען.

אַזעלכע סטאַטוען-מצבות געפֿינט מען נאָך היינט ביי פֿיעלע ווילדע פֿעלקער. עגיפּטען איז אַמאָל געווען פֿול מיט אַזעלכע סטאַטוען פֿון פֿערשטאָרבענע מענשען, פֿון געטטער און פֿערשידענע חיות, וועלכע מען פֿלעגט פֿאַרגעטטערען. און דאָס זעלבע איז געווען אין אינדיען. ווען איהר ווילט האָבען אַ בעגריף, וואָס די סקולפּטור איז אַ מאָל געווען אין עגיפּטען, אינדיען, אַססיריען און וואַווילאָנען גייט זיך דורך

אין א'ן אַרכעלאָגישען מוזעאום און די באַריהמטע מוזע-אומען פֿון פּאַריז און לאָנדאָן זיינען דאָ גרויסע קאָלעקציאָנען פֿון אַזעלכע סטאַטוען.

אין דעם אַלטען גריעכענלאַנד האָט די סקולפּטור געהאַט דעמזעלבען רעליגיעזען כאַראַקטער, וויא אין די אָריענטאַלע לענדער. אַלע סטאַטוען זיינען געווען אָבגעטטער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין די טעמפּלען אָדער פֿאַר זייער אַריינ-גאַנג. אָבער אין גריכענלאַנד האָט דיזע קונסט עררייכט אַ הויכע שטופֿע פֿון ענטוויקלונג. די אַלט-גריכישע סקולפּטאָרען זיינען געווען די גרעסטע קינסטלער פֿון זייער אַרט, וואָס די מענשהייט האָט ביז אַהער געהאַט.

און דערזעלבען כאַראַקטער, וויא אין עגיפּטען און אין גריכענלאַנד, האָט די סקולפּטור געהאַט אין אַלע קריסטליכע לענדער אין דעם מיטעלאַלטער. די איינציגע סטאַטוען, וואָס מען פֿלעגט מאַכען, זיינען געווען די סטאַטוען פֿון קריסטוס, פֿון זיין הייליגער מוטער און פֿון אַנדערע הייליגע לייט.

אין אַפֿילו היינטיגען טאָג האָבען די מייסטע ווערקע דער סקולפּטור איינינער-מאָסען אַ רעליגעזען כאַראַקטער. מען שטעלט היינט סטאַטוען צום אַנדענקונג פֿון פֿערשטאָרבענע קעניגע און גרויסע לייט פונקט אזוי וויא מען פֿלעגט עס אַ מאָל טאָן. דער געפֿיהל, וואָס טרייבט צו שטעלען אַזעלכע סטאַטוען, איז ביז אַ געוויסען גראַד דערזעלבער, וויא דער געפֿיהל, וואָס פֿלעגט טרייבען אַ ווילדען מענשען צו שטעלען סטאַטוען אויף די קברים פֿון זיינע עלטערען און פֿון זיין קעניג. דאָס איז דער געפֿיהל פֿון פֿאַרגעטערונג. דער ווילדער מענש פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אַריינלייגען אין דעם מויל פֿון זיין

גאָט׳ס פיגור אַ שטיקעל פֿלייש, און דער ציוויליזירטער מענש — היינגט אויף יעדעס יאָהר אויף די סטאַטועז פון זיינע פֿערשטאָרבענע העלדען לאָרבער-קרענץ.

אַזוי לאַנג, וויא סקולפּטור האָט געהאַט אַ ריין רעליגי־עזען כאַראַקטער און האָט געדיענט בלויז דער רעליגיאָן, איז זיא אַזוי, וויא אַלע אַנדערע קינסטע, געווען אין די הענד פון די גייסטליכע. די גלחים זיינען געווען די ערשטע סקול־פּטאָרען אַזוי, ווי זיי זיינען געווען די ערשטע מוזיקאַנטען, פּאָעטען, שוישפּילער א. ז. וו. זיי פֿלעגען שאַפֿען סטאַטועז אָדער בעלי מלאכות פֿלעגען זיי מאַכען אונטער זייער אויפ־זעהען און נאָך זייערע מאָדעלען. ערשט אין אונזער צייט איז די סקולפּטור אַרויס פון די הענט פון די גייסטליכע און איז געוואָרען אַ וועלטליכע קונסט און אַ וועלטליכע פּראָפעסיאָן.